בעזהשי"ת

## קונטרס

# עולת שבת בשבתו

## לחג הפסח

# עולת שבת בשבתו

# שבת הגדול

### קורין השבת שלפני הפסח בשם שבת הגדול:

וויל צוויי שבתים אין יאר טוט מען תשובה, שבת הגדול און שבת שובה, און די חילוק פון די צוויי שבתים איז אז שבת תשובה טוט מען תשובה מיראה, אבער שבת הגדול טוט מען תשובה מאהבה. דער רבינו יונה ברענגט אז א בעל תשובה דארף זיך פארשטעלן אז ער איז א תינוק שנולד, כדי ער זאל נישט טראכטן פון זיינע עבירות, ווייל דאס קען אים ברענגען צו יאוש, אבער דאס איז נאר אויב מען טוט תשובה מיראה, אבער ווען מען טוט תשובה מאהבה וואס די עבירות ווערן מצוות דארף ער נישט זיין ווי א תינוק שנולד.

וועגן דעם הייסט עס "**שבת הגדול**", צו מרמז זיין אז אין דעם שבת דארף מען זיך נישט האלטן פאר א "קטן" אזוי ווי שבת שובה, נאר מען קען זיך האלטן פאר א "גדול". (הישר והטוב)

*

ווייל אין פסוק (ויקרא כ"ג ט"ו) שטייט "**וספרתם לכם ממחרת השבת**", אין די חכמים האבן מקבל געווען אז עס מיינט ממחרת די יו"ט פסח, ווייל יו"ט ווערט אויך אנגערופן שבת, אבער די אפיקורסים וואס גלייבן נישט אין תורה שבעל הפה זאגן אז יו"ט ווערט נישט אנגערופן שבת, און עס מיינט זונטאג א טאג נאך שבת.

און די חכמים האבן געטון א סאך זאכן להוציא מלבן של צדוקים, וועגן דעם האבן זיי געגעבן דעם נאמען פון א שבת פאר פסח "שבת הגדול", צו ווייזן אז דאס איז די גרויסע שבת און פון דעם איז געדרונגען אז נאכדעם איז דא א קלענערע שבת, וואס דאס איז די יו"ט פסח, וואס ווערט אויך אנגערופן שבת, און עס איז קלענער ווייל יו"ט איז גרינגער פון שבת (בני יששכר)

*

הנה נודע מדברי הר"ן ז"ל אשר לפי מה דקיי"ל ספיקא דאורייתא לחומרא צריך להיות תוס' שבת קודם בין השמשות, דאי אמרת שהתוס' הוא בין השמשות ממש למה לי דילפינן במכילתא זכור מלפניו ושמור מלאחריו, מכאן שמוסיפין מחול על הקודש, הלא בלא"ה אסור משום ספיקא דאורייתא לחומרא כי ביה"ש הוא ספק יום ספק לילה, כמובן. והנה מה דקיי"ל ספיקא דאורייתא לחומרא למידין מן הקרבן שטעון ביקור ממום ד' ימים קודם לשחיטה, וא"א ספיקא דאורייתא ד"א לקולא ל"ל ביקור הרי מה"ת לקולא אלא וודאי מדמצרכינן ביקור ממום ע"כ קיי"ל ספיקא דאורייתא לחומרא וממילא צריך להתחיל השבת קודם בין השמשות וכנ"ל.

והנה בשבת זה שלקחו את הפסח והצריכה התורה ביקור ממום ד' ימים מקודם כי אז הי' ביום י' לחודש עד י"ד לחודש, ואז נודע להם אשר ספיקא דאורייתא לחומרא, וממילא עשו את התוס' שבת קודם בין השמשות, וא"כ הי' אצלם השבת הזה גדול מכל השבתות הקודמים, כי מקודם עשו ביהמ"ש לתוס', כי בשבתות הקודמין עדיין לא נודע להם דקיי"ל ספיקא דאורייתא לחומרא, רק בזמן לקיחת הקרבן ד' ימים קודם, וע"כ נקרא שבת זה שבת הגדול, כי התחילו התוס' קודם ביהמ"ש והוא נכון בס"ד (עטרת ישועה).

## מעשה רב

### פארענטפערט דעם רמב"ם

**דער הייליגער רבי ר' הערשעלע ליסקער זי"ע פלעגט זאגן בדרך צחות אז די רבנים זענען פארנומען פאר פסח זיך פארצוקוקן א שבת הגדול דרשה און צו פארענטפערן א שווערן רמב"ם, איך פיר זיך צו פארענטפערן דעם רמב"ם למעשה.**

**האט ער מסביר געווען זיינע ווערטער, אז דער רמב"ם ברענגט להלכה די הלכה פון בערב תאכלו מצות, און ער ברעגט אויך די הלכה פון לא תגנוב, נו, איז דאך לכאורה דא א סתירה, ווייל אן ארעמאן וואס האט נישט קיין געלט און ער האט נישט פון וואו צו נעמען געלט פאר קיין מצות, פון וואו זאל ער מקיים זיין די מצוה אנעם עובר זיין אויף לא תגנוב?**

**"אבער איך פארענטפער דעם רמב"ם - האט רבי הערשעלע ליסקער אויסגעפירט - ווען עס קומט אריין צו מיר אן ארעמאן, און ער זאגט מיר אז ער האט נישט אויף הוצאות החג זע איך אז עס זאל נישט זיין קיין סתירה, ער זאל קענען מקיים זיין די מצוה פון בערב תאכלו מצות, אנעם עובר זיין אויפן לא תגזול, אט דאס איז מיין בעסטע שבת הגדול דרשה"**

# עולת שבת בשבתו
# טעמא דמילתא

וואס איז דער באדייט פון **שבת הגדול**?

דער **טור** ברענגט אז דער ענין פון שבת הגדול איז ווייל אין דעם טאג האבן אידישע קינדער געקויפט דעם פסח מצרים, ווייל יענעם יאר איז פסח געווען דאנערשטאג איז דער צענטער טאג געווען שבת, די אידן האבן גענומען די לעמעלע און זיי האבן דאס צוגעבינדן צו די פיס פון בעט, און די מצריים זענען געקומען פרעגן וואס טוט עטס מיט די לעמעלע, האבן זיי געענטפערט אז זיי וועלן דאס שחט'ן פאר קרבן פסח, און די מצרים זענען געווארן אין כעס, און זיי האבן גארנישט געקענט טון פאר די אידן.

**תוספות** אין מס' שבת (דף פ"ז) זאגט א צווייטע טעם וואס עס איז דער נס פון י' ניסן, ווי דער מדרש זאגט אז די גוים האבן זיך צוזאמענגענומען און געפרעגט די אידן פארוואס זיי נעמען די לעמעלע, און ווען די אידן האבן דערציילט אז עס גייט זיין מכת בכורות האבן זיי זיך אנגעהויבן צו שלאגן צווישן זיך, און זיי האבן זיך דער'הרגעט איינער דעם צווייטן, ווי עס שטייט אין תהלים "למכה מצרים בבכוריהם" אז די מצריים האבן זיך דערשלאגן מיט זייערע אייגענע בכורים.

דער **בית יוסף** פרעגט אויף דעם טעם פונעם **טור**, ווייל **לויט דעם וואלט דאך אלע פינף טאג ביז פסח געדארפט זיין דער זכר הנס**, וואס די מצריים זענען געווען מלא כעס, פארוואס נאר י' בניסן מאכט מען דעם זכר, ענטפערט ער אז די עיקר נס אין אינעם ערשטן טאג, אבער נאכדעם ווערט מען ציגעוואוינט, כיון דדש דש.

דער **באר היטב** בשם ר' משה רבי אליוש ברענגט אז דער נס איז געווען נאר שבת, ווייל אלע פיר טעג וואס אידן האבן נישט געשחט'ן דעם קרבן פסח האבן די מצריים געמיינט אז די אידן טרויען זיך טאקע נישט צו שחט'ן דעם קרבן פסח ווייל זיי האבן מורא פון זיי, משא"כ שבת, וואס מען קען סייווי נישט שחט'ן, האבן דאך די מצריים נישט געקענט האבן אזא הוו"א, דעריבער האט מען קובע געווען דוקא שבת אלס זכר לנס.

## פארוואס מאכט מען דעם זכר לנס שבת, און נישט י' ניסן,

**פארוואס מאכט מען דעם זכר לנס שבת, און נישט י' ניסן,** אזוי ווי אלע ימים טובים וואס מען האט קובע געווען אינעם טאג פון חודש, נישט פון די וואך?

דער **טורי זהב** ברענגט א תירוץ בשם רבי **משה חריף** ז"ל אז וויבאלד י' ניסן איז געווען נאך א נס, מיט 40 יאר שפעטער ווען אידן זענען אריבער דעם ירדן אריינצוגיין קיין אר"י, וואלט מען געקענט מיינען אז דאס איז די סיבה פארוואס מען מאכט דעם זכר לנס, דעריבער האט מען דאס קובע געווען אויף שבת, און נישט אין י' ניסן. דער טו"ז לייגט צו אז ער האט דאס איבערגעזאגט פארן שווער דער **ב"ח** און ער האט הנאה געהאט דערפון.

דער **מגן אברהם** ענטפערט אז אין דעם טאג י' ניסן איז מרים הנביאה נסתלק געווארן, און מהאי טעמא אין די הלכה אין שו"ע (סי' תק"פ) אז כאטש אין חודש ניסן טאר מען נישט פאסטן, אבער י' ניסן איז יא א תענית צדיקים, מהאי טעמא האט מען נישט געוואלט קובע זיין דעם זכר לנס אויף דעם טאג, האט מען דאס באשטימט אויפן שבת.

דער **חתם סופר** אין זיינע הגהות אויפן שו"ע זאגט דעם טעם אז אין דעם טאג י' ניסן איז דער טאג וואס מען ליינט דעם נשיא פון שבט דן, און וויבאלד דער עיקר פון דעם טאג איז געווען דער ציווי ה' משכו ידיכם מעבודה זרה, ווען אידישע קינדער האבן אויסגעריסן די ע"ז פון מצרים, און שבט דן איז דאך געווען דער היפך פון דעם ווי רש"י זאגט אין פר' לך "ויירדוף עד דן" שם תשש כוחו ווייל דארט האט מען געדינט עבודה זרה, דעריבער האט מען נישט געוואלט קובע זיין דעם זכר לנס אינעם טאג פון שבט דן, האט מען דאס קובע געווען אויפן שבת.

דער **חתם סופר** זאגט מיט דעם פארשטייט מען פארוואס מען רופט דעם שבת **שבת הגדול** וויבאלד אין דעם טאג האט מען מבטל געווען די ע"ז, און דער חטא פון ע"ז ווערט אין פסוק אנגערופן חטאה גדולה, וועגן דעם רופט מען דאס אן שבת הגדול.

# דרושים לפסח

**הא לחמא וגו׳ כל דכפין ייתי וייכול:**

דער **חיד״א** זלה״ה זאגט ס׳שטייט אין ספרים א טעם פארוואס אידישע קינדער זענען ארויס פון מצרים פאר די צייט ווייל די קישוי השיעבוד האט משלים געווען די צייט. דאס קען איך אבער נאר זאגן אויב אידישע קינדער האבן א דין ווי בנים למקום, ווייל דעמאלטס קען איך זאגן אז הקב״ה האט נאר גוזר געווען נאר סתם א שיעבוד און נישט קיין קישוי השיעבוד ווייל א טאטע וויל נישט זיינע קינדער זאלן שווער ארבעטן, אבער אויב מען האט א דין עבדים למקום האט ער עס יא גוזר געווען ווייל א מלך איז יא גוזר שווערע ארבעט אויף זיינע עבדים, ממילא קען עס נישט משלים זיין די צייט.

די מפרשים זאגן אז פון צדקה איז א ראיה אז אידישע קינדער האבן א דין בנים למקום ווייל אויב מ׳איז עבדים למקום טאר מען נישט געבן קיין צדקה, ווייל ווען א מלך איז גוזר אויף זיינע עבדים זאלן זיין ארימעלייט וויל ער נישט מ׳זאל זיי העלפן, אבער אז מען האט א דין בנים למקום מעג מען יא ווייל ווען א טאטע איז גוזר אויף זיינע קינדער אז זיי זאלן זיין ארימעלייט פרייט ער זיך ווען מ׳וועט זיי העלפן.

דאס איז פשט **הא לחמא עניא** דאס איז א רמז אויף די צייט וואס מ׳איז געווען אין מצרים ווייל *״לחמא עניא״* איז גמטריא 210 די יארן וואס מ׳איז געווען אין מצרים, און די טעם פון דעם איז ווייל די קישוי השיעבוד האט משלים געווען אויב אזוי מיז זיין אז מ׳איז בנים למקום און מ׳מעג יא געבן צדקה וועגן דעם כל דכפין ייתי וייכול (זרוע ימין-חיד״א)

◈ ◈ ◈

**כל דכפין יתי ויכול כל דצריך יתי ויפסח:**

עס איז געווען אמאל ווען דער **הייליגער קדושת לוי זצוק״ל** האט אריינגענומען אין שטוב אן אומפאסיגער אורח, און די בני בית האבן איהם געוואלט ארויסווארפן פון שטוב. אבער דער הייליגער בארדיטשובער האט איהם נישט געלאזט ארויסווארפן, האט ער געזאגט בענוות קדשו אז לעתיד ווען ער וועט וועלן אריינגיין בסוכת עורו של לויתן, וועט מען זאגן אויף איהם אויך אז ער איז נישט ראוי דערצו, דעמאלטס וועט מען זיך קענען אננעמען פאר אים מיט דעם אז ער האט אויך נישט ארויסגעשיקט אן אורח שאינו הגון פון שטוב.

מיט דעם האט **כ״ק מרן רבינו שליט״א** געטייטשט (ליל הסדר תשס״ז) **׳כל דכפין יתי וייכול וכו׳**, יעדער גאסט אפילו א נישט פאסיגער אורח קען אריינקומען צום סדר, ממילא **לשנה הבאה בארעא דישראל**, און דעמאלטס וועט מען אונז באצאלן דערפאר, אז כאטש מיר וועלן נישט זיין כדאי צו זיצן צוזאמען מיט די צדיקים ווען משיח וועט קומען, וועט מען אונז נישט ארויסווארפן פון דארט.

# מעשה רב

## אן קיין פאליציי קען מען אויך נישט טרעפן...

**געווען איז דאס אמאל ערב פסח פארנאכטס, דער עולם איז שוין געגאנגען צום דאווענען, ווען דער גרויסער סניגורן של ישראל דער קדושת לוי זי״ע פון בארדיטשוב האט זיך ארומגעדרייט איבער די גאסן פון שטאט.**

**די איינוואוינער פון די שטאט זענען פארוואונדערט געווארן זעהנדיג ווי זייער רבי דער גרויסער צדיק זוכט איבער די הייזער אביסל חמץ, יעדער ציהט מיט די פלייצע און מען זאגט ״רבי, עס איז פסח, מען האט שוין אינדערפרי אלעס מבער געווען, נישט קיין חמץ״ אבער דער קדושת לוי לאזט נישט נאך ״אפשר דאך, אפשר איין ברעקעלע!״, נאכן זיך ארומדרייען א לענגערע צייט האט ער אויפגעגעבן און אריבערגעגאנגען צו א גוי׳איש הויז.**

**״אפשר האט איר אביסל שווארצע סחורה צו פארקויפן?״ (שווארצע סחורה מיינט סחורה וואס איז געזעצליך פארבאטן צו האנדלען דערמיט) ״יא, ראבין, וויפיל דארפט איר?״.**

**האט דער קדושת לוי אויפגעהויבן די הענט צום הימל און געזאגט ״רבש״ע, מי כעמך ישראל, דער קעניג האט אוועקגעשטעלט וועכטער, שומרים, פאליציי וואס געבן אכטונג אז מען זאל נישט אריינברענגען די סחורה, און שוין האב איך דאס געטראפן ביים ערשטן גוי, דו האסט געשריבן איין פסוק אין די תורה ״לא יראה לך חמץ״ אן קיין פאליציי, אן קיין שומרים, און עס איז נישטא צו טרעפן קיין ברעקל חמץ״.**

◈

## ווען פארשטייט מען מה נשתנה?

**זיצענדיג ביים סדר האט דער פריערדיגער בעלזער רב הגה"ק מהרי"ד זי"ע אריינגעקוקט אין א אלטע הגדה און ער האט געזעהן ווי עס שטייט "מ'רוקט אוועק די שיסל און מ'זאגט מה נשתנה".**

**האט ער זיך אנגערופן בלש"ק "אוודאי אז מען רוקט אוועק דעם שיסל (דער קאפ איז נישט אריין געטון אין עסן) איז מען משיג מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות.**

◈

## א' ת' פתח לו

**דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע האט אמאל געוואלט ארויפגיין קיין ארץ ישראל, אבער פון הימל האט מען אים מעכב געווען, אויפן וועג האבן רויבער'ס אים געכאפט מיט זיין תלמיד רבי צבי סופר ז"ל און געבינדן די הענט און פיס און פון גרויס שרעק האט דער הייליגער בעש"ט הק' פארלוירן אלע זיינע מדריגות.**

**האט רבי צבי אים געפרעגט "רבי, וואס וועט דא זיין?" האט ער אים געהייסן זאגן די אותיות "א, ב, ג" ביז "ת" מיט גרויס כוונה און אזוי איז צוריק געקומען זיינע מדריגות און זיי זענען ניצול געווארן.**

**מיט די מעשה האט געטייטשט דער מונקאטשער רב זצ"ל בעל מנחת אלעזר, אז דאס איז פשט "ושאינו יודע לשאול" אויב ער קען נישט בעטן פון הקב"ה ווייל ער האט פארלוירן זיינע מדריגות א"ת די אותיות פון א' ביז ת' פתח לו דאס וועט אים עפענען ער זאל צוריק זוכה זיין צו זיינע מדריגות.**

◈

## מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות:

דער **ייטב לב זי"ע** ברענגט אין זיין ספר (ייטב פנים לפסח) מסביר צו זיין דאס ענין לויט ווי **הרה"ק רבי מענדעלע רימאנוב'ער זי"ע** טייטשט דעם פסוק "ויאמרו איש אל אחיו מן הוא כי לא ידעו מה הוא", ווייל דער "מן" איז דאך געווען א רוחנית'דיגער מאכל, ווי די גמרא זאגט (יומא ע"ה ע"ב) אז דער מן איז געווען א מאכל וואס מלאכים עסן, און דער מן האט אויסגעלייטערט אלע אברים פון אידישע קינדער, אזוי אז יעדן טאג זענען אידישע קינדער נתעלה געווארן העכער אין די מדריגות, אזוי אז מען האט פון איין טאג אויפן צווייטן נישט דערקענט דעם חבר, ווייל ער איז נשתנה געווארן און נתעלה געווארן פון די נעכטיגע מדריגות. דאס זאגט דער פסוק "ויאמרו איש אל אחיו מן הוא!" אז יעדן טאג האבן זיי אזוי געפרעגט, און דאס איז געווען "כי לא ידעו מה הוא" ווייל זיי האבן זיך נישט דערקענט פון איין טאג אויפן צווייטן עכ"ד.

אזוי אויך די זעלבע זאך ווען עס קומט אזא הייליגע נאכט ווי פסח, און מען עסט די הייליגע מאכלים, מצה און מרור, וואס דאס איז מזכך א מענטש און ער ווערט זייער הייליג ביז ווען דאס האט אן השפעה אויף זיין חיצונית, פרעגט דאס קינד דעם טאטן "**מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות**", ווייל ער זעהט דעם טאטן יעדן איינציגן טאג און היינט זעהט ער אויס ווי א צווייטער מענטש ווייל ער איז נתעלה געווארן אין די מדריגות.

◈ ◈ ◈

## ויוציאנו ד' ממצרים ביד חזקה וכו' וכל המרבה לספר וכו':

דער בעל הגדה ברענגט שפעטער אז בן זומא לערנט אז מען דארף פארמערן צו דערציילן יציאת מצרים אויך ביינאכט, און ער לערנט עס ארויס פון די פסוק "כל" ימי חייך.

די מפרשים ברענגען צוויי טעמים פארוואס מען איז ארויס פאר די צייט, 1) ווייל די קושי השיעבוד האט משלים געווען, 2) ווייל די נעכט האבן משלים געווען.

לכאורה לויט די צווייטע טעם דארף מען נישט קיין פסוק צו ארויס לערנען אז מזכירין יציאת מצרים בלילות, ווייל עס פארשטייט זיך אליין, אז אויב די נעכט האבן משלים געווען, און דורך דעם האט מען געקענט ארויסגיין, דארף מען עס דערמאנען אויך ביינאכט, אבער לויט די ערשטע טעם אז די קושי השעיבוד האט משלים געווען דארף מען יא דעם פסוק.

דאס קען זיין פשט, ויוציאנו ד' "**ביד חזקה**", וואס די ספרים ברענגען אז די יד חזקה האט אויסגעפעלט ווייל זיי זענען געווען משוקע אין דעם שיעבוד, וואס דאס איז געקומען צוליב דעם קושי השיעבוד, אויב אזוי קומט אויס אז די קושי השיעבוד האט משלים געווען און נישט די נעכט, און מען דארף יא האבן א פסוק אז מען דארף פארמערן צו דערציילן אויך ביינאכט, וועגן דעם "וכל" המרבה לספר, לערנט מען ארויס פון די ווארט "כל" אז מען דארף פארמערן צו דערציילן אויך ביינאכט. (אמרי נועם)

## מעשה ברבי אליעזר ורבי יהושע ורבי אלעזר בן עזרי׳ ורבי עקיבא ורבי טרפון שהיו מסובין בבני ברק:

לכאורה ווערט שווער ר׳ עקיבא איז דאך געווען א תלמיד פון רבי טרפון וואלט מען דאך געדארפט זאגן קודם רבי טרפון און נאכדעם רבי עקיבא? נאך איז שווער וואס איז דען א חילוק צו וויסן אז די מעשה איז געווען אין בני ברק?

נאר וויבאלד ר׳ עקיבא איז געווען דער מרא דאתרא אין בני ברק רעכנט מען איהם אויס נאך פריער פון זיין רבי׳ן ר׳ טרפון. וועגן דעם זאגט דער בעל הגדה אז דאס איז געווען אין בני ברק צו פארענטפערן אז וועגן דעם רעכנט מען אויס ר׳ עקיבא פאר זיין רבי׳ן ר׳ טרפון. (ברך משה).

◈ ◈ ◈

## אר״א וכו׳ הרי אני כבן שבעים שנה ולא זכיתי שתאמר יציאת מצרים בלילות:

די גמרא (ברכות כ״ח ע״א) איז מדייק פון די לשון "כבן" שבעים, שהיה בן י״ח ונעשה נס ונדמה לבן שבעים. אבער לויט דעם איז שווער פארוואס זאגט ער הרי אני וכו׳ "ולא זכיתי", בשלמא ווען ער וואלט שוין טאקע געווען א בן שבעים, און מען האט עס נישט מקבל געווען פון אים, איז שייך זיך אפצורעדן אז מיט דעם אלעם ולא זכיתי, אבער אז ער איז נאך געווען אכצן יאר וואס איז אזוי געפערליך אז מען האט עס נישט מקבל געווען?

נאר עס קען זיין לויט וואס מען קען מסביר זיין די מחלוקת פון רבי אלעזר בן עזריא מיט די חכמים, צו מזכירין יציאת מצרים בלילות, אז עס איז תלוי אין די מחלוקת פון רבי יוסף מיט אביי וואס די גמרא (שבת נ״ג ע״ב) ברענגט ביי איינעם וואס עס איז אים געשען א נס שלא כדרך הטבע, זאגט רבי יוסף "כמה גדול אדם זה שנעשה לו נס כזה", און אביי זאגט "אדרבה כמה גרוע אדם זה שנשתנו לו סדרי בראשית". די חכמים וואס לערנען **"אין מזכירין יציאת מצרים בלילות"** לערנט אזוי ווי אביי אז מען זאגט **"כמה גרוע"**, און מען דארף נישט מאכן א זכר אויף ניסים וואס עס איז שלא כדרך הטבע, וועגן דעם דארף מען דערמאנען יציאת מצרים נאר בייטאג און נישט ביינאכט, ווייל די ניסים וואס עס איז געווען ביינאכט, קריעת ים סוף, מכת בכורות, איז געווען שלא כדרך הטבע, אבער די נס פון בייטאג יציאת מצרים איז בדרך הטבע, אבער רבי אלעזר בן עזריא וואס לערנט **"מזכירין יציאת מצרים בלילות"**, לערנט אזוי ווי ר׳ יוסף אז מען זאגט **"כמה גדול אדם זה שנשתנו לו סדרי בראשית"**, און מען דארף יא מאכן א זכר אפילו אויף ניסים וואס עס איז שלא כדרך הטבע, און וועגן דעם דארף מען דערמאנען יציאת מצרים אויך ביינאכט, כדי צו דערמאנען אויך די ניסים פון ביינאכט.

## ואקח את אביכם מעבר הנהר:

עס איז געווען די סדר פון דעם יהודי הק׳ זי״ע אז ווען ער פלעגט פארן קיין לובלין, צו זיין הייליגן רבי׳ן דער חוזה זי״ע, פלעגט ער גיין באזוכן דעם לובלינ׳ער רב, דער גרויסער גאון רבי עזריאל, וואס מען פלעגט אים רופן "דער אייזערנער קאפ", און זיי פלעגן פארברענגען מיט דברי תורה.

אזוי ווי עס ידוע איז דער אייזערנער קאפ געווען א גרויסער מתנגד צום דרך החסידות, און ער פלעגט זיך שטענדיג אפרעדן פארוואס אזא גרויסער גאון און א עלוי ווי דער יהודי הק׳ פארט צו א רבי׳ן.

איינמאל האט ער געשיקט א שליח צום חוזה צו הערן זיינע תורות, האט דער שליח גע׳הערט ווי דער חוזה זאגט, "ואקח את אביכם" (אביכם איז מלשון "אבה" יבמי וואס עס איז א לשון רצון) איך וועל נעמען ענקער ווילן, "מעבר", פון די עבירות, "הנהר", צו דער לייכטן.

ווען דער אייזערנער קאפ האט עס גע׳הערט איז עס געווען א געלעבטער אין זיינע אויגן, און נאך פסח ווען דער יהודי הק׳ איז אים געקומען באזוכן, האט ער עס אים איבער געזאגט, און ער האט געזאגט אז עס איז אים א גרויסע וואונדער אז ער פארט צו א רבי׳ן וואס זאגט אזעלבע תורות.

האט אים דער יהודי הק׳ געענטפערט, אז דער חוזה האט דא געזאגט א געוואלדיגע חידוש להלכה, ווייל די גמרא (יומא פ״ו) ברענגט אז ביי תשובה מיראה ווערן די עבירות שגגות, און ביי תשובה מאהבה ווערן די עבירות מצוות, און עס איז ידוע אז מחשבה טובה הקב״ה מצרפה למעשה, אבער מחשבה רעה אין הקב״ה מצרפה למעשה, אויב אזוי קומט אויס אז אויב דער מענטש וועט האבן א מחשבה רעה וואס אין הקב״ה מצרפה למעשה,

**און ער וועט תשובה טון מאהבה וועט עס נישט ווערן איבערגעדרייט צו מצוה, ווייל דער אייבערשטער האט עס נישט גערעכנט פאר קיין עבירה.**

**וועגן דעם האט דער חוזה מחדש געווען אין דעם פסוק "ואקח את אביכם", אז דער אייבערשטער נעמט ענקער ווילן, דאס איז די מחשבה, "מעבר", פון די עבירות, "הנהר", עס צו בעלייכטן, אז ווען מען וועט תשובה טון אויף די מחשבה פון די עבירות וועט עס לייכטן, און עס וועט יא ווערן גערעכנט פאר א מעשה, און עס וועט ווערן פון דעם מצוות, כאטשיג פאר'ן תשובה טון רעכנט מען עס נישט פאר קיין מעשה, אבער נאכ'ן תשובה טון מאהבה ווערט עס יא גערעכנט פאר א מעשה.**

**דער אייזערנער קאפ איז געווארן מלא התפעלות פון דעם געוואלדיגן חידוש, און האט אים געפרעגט צו דער חוזה האט דאס טאקע געמיינט, אדער האסטו מיט דיין גאונות עס אריין געטייטש אין זיינע ווערטער? האט דער יהודי הק' אוודאי איז דאס געווען די כוונה פון דעם חוזה, און נישט נאר דאס האט ער געמיינט נאר א סאך מער און טיפער אן א שיעור.**

◈

## ר"י היה נותן בהם סימנים דצ"ך עד"ש באח"ב

**דער בארנוב'ער רב זי"ע האט פארציילט אז ער האט געהערט פון זיין זיידן רבי אליעזר דזיקוב'ער זי"ע אז ער איז געווען מיט זיין הייליגער טאטע דער ראפשיצער רב זי"ע ביים סדר אין לובלין, און ווען דער הייליגער חוזה זי"ע איז אנגעקומען צו די ווערטער "דצ"ך עד"ש באח"ב", האט ער געזאגט "דרייט זיך א דייטש באחב", און די סדר איז געווען אז ווען דער חוזה האט געזאגט אנדערש ווי עס שטייט אין**

רבי אלעזר בן עזריה האט אוודאי געוואלט מען זאל לערנען אזוי ווי רבי יוסף וואס לערנט כמה גדול אדם זה, ווייל פאר אים איז דאך אויך געשען א נס שלא כדרך הטבע, אז ביי אכצן יאר האט ער שוין אויסגעזען ווי זיבעציג, און לויט אביי וואס לערנט כמה גרוע אדם זה, איז עס דאך פאר אים א גרויסע בזיון, אבער לויט רבי יוסף איז עס אים א כבוד.

וועגן דעם האט ער געזאגט "**הרי אני כבן שבעים**", איז דאך פאר מיר א גרויסע טובה אז מען זאל לערנען מזכירין יציאת מצרים בלילות, און "**ולא זכיתי שתאמר יציאת מצרים בלילות**", וואס לויט דעם איז די נס פאר אים א גרויסע בזיון. (סידור בית יעקב בשם הגאון רבי שלמה קלוגער זצ"ל)

◈ ◈ ◈

## אמר רבי אלעזר בן עזריה הרי אני כבן שבעים שנה ולא זכיתי שתאמר יציאת מצרים בלילות:

לכאורה וואס איז די שייכות פון **הרי אני כבן שבעים שנה** צו **ולא זכיתי**?

קען מען ענטפערן מיט וואס די גמרא (ברכות כ"ז) ברענגט אז ווען מען האט געפרעגט רבי אלעזר בן עזריא צו ער וויל ווערן נשיא, האט ער געענטפערט אז ער מוז פרעגן זיין ווייב, און ער איז איר געגאנגען פרעגן, האט זי אים געענטפערט אז ער האט נאך נישט קיין ווייסע האר, און מען וועט נישט האבן פאר אים קיין דרך ארץ, האט איר רבי אלעזר גארנישט געענטפערט אויף דעם, און ער האט אנגענומען די נשיאות, און עס איז אים געשען א נס אז עס איז אים געוואקסן אכצן ווייסע האר, און וועגן דעם האט ער געזאגט הרי אני "**כבן**" שבעים שנה, אז איך זע נאר אויס ווי זיבעציג.

לכאורה איז שווער פארוואס האט רבי אלעזר גארנישט געענטפערט אויף די טענה פון זיין ווייב, אז מען וועט נישט האבן פאר אים קיין דרך ארץ?

מען קען ענטפערן אז רבי אלעזר האט געהאלטן אז מען וועט יא האבן דרך ארץ, ווייל די גמרא (פסחים כ"ב ע"ב) דרש'נט דאך פון די ווארט "**את**" וואס עס שטייט אין פסוק (דברים י' כ') "את ד' אלקיך תירא" לרבות תלמידי חכמים.

לויט דעם קומט אויס אז יעצט אז עס האט געדארפט געשען א נס פון הימל ער זאל באקומען א ווייסע בארד איז א ראיה אז זיין ווייב איז יא געווען גערעכט, און מען לערנט נישט ארויס פון די פסוק "את ד' אלקיך תירא" לרבות תלמידי חכמים, אזוי ווי שמעון העמסוני וואס האלט "את לא דריש", אבער אן דעם נס וואלט מען נישט געהאט קיין דרך ארץ ווייל מען לערנט ווי שמעון העמסוני וואס האלט את לא דריש.

לויט דעם קען מען זייער גוט פארשטיין די ווערטער פון רבי אלעזר בן עזריא "**הרי אני כבן שבעים שנה**", אז איך זע אויס אזוי ווי זיבעציג, ווייל עס איז מיר געשען א נס, וועגן דעם "ולא זכיתי שתאמר יציאת מצרים בלילות עד שדרשה בן זומא", בשלמא אויב עס וואלט מיר נישט געשען קיין נס איך זאל

באקומען א ווייסע בארד, וואלט איך נישט געדארפט צוקומען צו די דרש פון בן זומא, ווייל מען וואלט עס געקענט ארויס לערנען פון די ווארט "את", וואס שטייט אין פסוק (דברים ט"ז ג) "**למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים**" לרבות הלילות, אבער יעצט אז עס איז מיר יא געשען א נס, מוז דאך זיין אז מען דרש'נט נישט די ווארט את, מוז מען על כרחך צוקומען צום דרש פון בן זומא פון די פסוק "כל ימי חייך" לרבות הלילות (טללי אורות)

◈ ◈ ◈

## וחכמים אומרים כל ימי חייך להביא ימות המשיח, ברוך שנתן תורה לעמו ישראל:

הגאון **רבי יהודה אסאד זי"ע** זאגט אז די מחלוקת צו מזכירין יציאת מצרים בלילות איז תלוי אין די צוויי טעמים פארוואס מען איז ארויס פון מצרים פאר די צייט. 1) די מלאכים האבן עס משלים געווען 2) דאס וואס די אידן האבן געארבעט אויך ביי די נעכט האט עס משלים געווען.

לויט די צווייטע טעם איז דער דין אז **מזכירין יציאת מצרים בלילות** ווייל דורך די נעכט איז מען ארויס פון מצרים אבער לויט די ערשטע טעם וועל איך זאגן אז דער דין אז **אין מזכירין יציאת מצרים בלילות.**

ס'שטייט אז ביי מתן תורה האבן די מלאכים גע'טענה'ט **תנה הודך על השמים** האט משה זיי געענטפערט **כלום במצרים הייתם** זענט עטס דען געווען אין מצרים אז איר זאלט קענען נעמען די תורה וואו עס שטייט 'אשר הוצאתיך מארץ מצרים? אבער דער תירוץ איז גוט נאר לויט די טעם אז די נעכט האבן משלים געווען אבער לויט די טעם אז די מלאכים האבן משלים געווען, קומט דאך אויס אז זיי זענען יא געווען אין מצרים, ממילא איז נישט גוט די תירוץ פון משה רבינו און עס קומט זיך זיי יא די תורה.

דאס איז פשט **וחכמים אומרים כל ימי חייך להביא לימות המשיח** און די דין איז אז **אין מזכירין יציאת מצרים בלילות** ווייל זיי לערנען אז נישט די נעכט האבן משלים געווען נאר די מלאכים אויב אזוי קומט זיך יא די תורה פאר די מלאכים און מיט דעם אלעם האט עס הקב"ה געגעבן פאר די אידן וועגן דעם **ברוך שנתן תורה לעמו ישראל.**

◈ ◈ ◈

## מה העבודה הזאת לכם, ואמרתם זבח פסח הוא לד':

אין ספר **אור לישרים** פון **הרה"ק ר' זרח איידליס זצ"ל** איז ער מסביר די טעם פארוואס מען זאגט **לשם יחוד** פאר מען טוט א מצוה, ווייל ווען א מענטש איז מקיים מצוות ווען ער איז נאך מלוכלך מיט עבירות גייען די מצוות צו די סט"א ר"ל, וועגן דעם זאגט מען דעם **לשם יחוד** וואס דאס איז א תנאי אז מ'איז מקיים די מצוה נאר אויב ס'איז לשם ד' און אויב ח"ו נישט איז מען

**הגדה האט דער עלטסטער פון די חברייא אים געזאגט ער זאל ארויין קוקן און עס איבער זאגן, און אזוי האט געטון דער ראפשיץ'ער רב זי"ע, ער האט געוויזן פאר'ן חוזה ער זאל ארויין קוקן און עס איבער זאגן, און דער חוזה האט ארויין געקוקט, אבער ער האט נאכאמאל געזאגט ווי פריער, "דרייט זיך א דייטש באחב", און דער ראפשיץ'ער רב האט נאכאמאל אים געזאגט ער זאל איבער זאגן, אבער עס האט נישט געהאלפן, האט מען פארשטאנען אז עס איז נישט קיין פשוט'ע זאך.**

**אין די ערשטע נאכט חול המועד, איז אנגעקומען איינע פון די תלמידים פון דעם חוזה, רבי שמעון אודערבערגער זי"ע, וואס מען פלעגט אים רופן רבי שמעון דייטש, ווייל ער איז געקומען פון דייטשלאנד, און ווען ער איז ארויין נעמען שלום פון דעם חוזה, האט אים דער חוזה געזאגט אז מיר האבן זיך משתתף געווען מיט ענקער צער, וואס ענק האבן געהאט בשעת'ן זאגן די הגדה, ווען די חברייא האבן עס געערט האבן זיי פארשטאנען אז דער חוזה האט געמיינט מיט זיינע ווערטער דרייט זיך א "דייטש" באחב, זיין תלמיד רבי שמעון "דייטש", און ווען ער איז ארויס פון דעם חוזה האבן זיי אים געפרעגט וואס עס איז געווען מיט אים?**

**האט ער זיי פארציילט אז ער איז ארויס געפארן אויף פסח צום רבי'ן קיין לובלין, און אויפ'ן וועג אינעם דארף "אחעוו" האט זיך צובראכן די וואגן, און ווילאנג מ'האט עס פאראכטן איז שוין נישט געווען קיין צייט אנצוקומען קיין לובלין בין איך דארט געבליבן אויף די ערשטע צוויי טעג יו"ט,**

**און פסח ביינאכט ווען איך האב געהאלטן אינמיטן די הגדה האט איך זיך פארגעשעטלט ווי דער הייליגער חוזה מיט די חברייא זיצן ביים הייליגן סדר, און איך האב צו דעם נישט זוכה געווען, און פון גרויס צער האב איך**

מפסיק געווען מיט די הגדה, און איך בין ארויס אין גאס און געוויינט פון גרויס צער, האבן אלע שוין פארשטאנען אז דער חוזה האט עס מרגיש געווען, און וועגן דעם האט ער געזאגט "דרייט זיך א דייטש באחב".

◈

## קרבן פסח פאר די צדיקי הדור

אמאל ביים סדר פארן עסן דעם אפיקומן האט דער הייליגער דברי חיים זי"ע געזאגט "עס איז באקאנט וואס עס שטייט אין די משנה אז אין בית המקדש האט קיינמאל נישט געטאגט זיין וויניגער ווי זעקס טלאים, זעקס לעמעלעך, כדי אז עס זאל אייביג גרייט זיין דער קרבן התמיד מקריב צו זיין ווען מען וועט דאס דארפן, אבער ווען דער בית המקדש איז חרוב געווען וואו זענען די טלאים אפיר געקומען?"

"נאר - האט דער הייליגער דברי חיים געזאגט - נאכן חורבן בית המקדש האט מען גענומען די טלאים אין מדבר און זיי מערן זיך דארט, און פון זיי איז אליהו הנביא מקריב יעדן טאג צוויי לעמלעך אלס דער קרבן התמיד".

דער דברי חיים האט דערביי דערציילט א מעשה אז דער הייליגער ישמח משה זי"ע האט געבעטען פון השי"ת אז ער וויל האבן די זכי' דאס צו זעהן דאס מען איז געוויזן פון הימל ווי אזוי מלאך מיכאל איז דער כהן הדיוט און אליהו הנביא דער כהן גדול און זיי זענען מקריב דעם קרבן תמיד.

האט דער הייליגער דברי חיים צוגעלייגט אז געגוי אזוי איז אויך אליהו הנביא יעדעס יאר פסח מקריב דעם קרבן פסח, און די מנויים אויפן קרבן פסח זענען די צדיקי הדור פאר וועמען אליהו הנביא ברענגט פונעם קרבן און זיי עסן דאס, כאטש מיר זענען נישט אין ארץ ישראל און נישט אין ירושלים, ברענגט אליהו

נישט איז מען נישט מקיים די מצוה.

מיט דעם טייטשט דער **עצי חיים** זי"ע אז דאס פרעגט דער רשע **מה העבודה הזאת לכם**, מען איז דאך מלוכלך מיט עבירות און עס גייט צו די סטרא אחרא, ענטפערט מען אים **זבח פסח הוא לד'** אז מען איז עס מקיים מיט די תנאי נאר אויב ס'איז לשם ד'.

◈ ◈ ◈

### צא ולמד וכו' שפרעה לא גזר אלא על הזכרים ולבן ביקש לעקור את הכל:

לכאורה איז שווער פארוואס ווען מען האלט אינמיטן צו פארציילן פון די גרויסע צרות פון די שיעבוד מצרים, זאגט מען אז לבן איז געווען א סאך ערגער, וואס דאס מאכט לכאורה קלענער די רשעות פון פרעה.

מ'קען ענטפערן אז דער בעל הגדה זאגט אז פרעה איז געווען א גרעסערע רשע פון לבן, ווייל ער האט גוזר געווען נאר אויף די זכרים, ווייל עס איז דא א הבטחה פון השי"ת אז די אידישע פאלק וועט זיך קיינמאל נישט ענדיגן, אזוי ווי עס שטייט (מלאכי ג' ו) "כי אני ד' לא שניתי ואתם בני יעקב לא כליתם".

לויט דעם קומט אויס אז די גזירה פון פרעה איז א סאך ערגער, ווייל די גזירה פון לבן "לעקור את הכל", וואס דאס איז א גזירת כליה אויף גאנץ כלל ישראל, איז נישט געפערליך ווייל עס וועט סיי ווי נישט מקוים ווערן, וועגן די הבטחה פון דעם אייבערשטען, אבער פרעה וואס ער איז געווען א גרעסערע רשע האט ער גוזר געווען נאר אויף די זכרים, און נישט אויף גאנץ כלל ישראל, כדי עס זאל יא קענען מקוים ווערן. (ברוך טעם)

◈ ◈ ◈

### ונתתי מופתים בשמים ובארץ, דם וגו':

לכאורה פארוואס דוקא מכת דם ווערט אנגערופן מופתים בשמים ובארץ?

זאגט דער רבי בעל דברי יואל זי"ע ווייל באמת האבן די מכות בכלל נישט צוגעהאלפן צו די גאולה שלימה, ווי די גמרא זאגט אין מס' ראש השנה (דף י"א) אז נאך פון ראש השנה פאר יציאת מצרים האבן שוין די אידן אויפגעהערט צו ארבעטן, און זיי זענען הערשט ארויס אין חודש ניסן. די מכות זענען בעיקר געווען מרבה צו זיין כבוד שמים, אז השי"ת איז מעניש די רשעים מיט מכות שלא כדרך הטבע. ממילא זענען די מכות נאר געווען א מופת בשמים, אבער נישט בארץ, ווייל פאר די מענטשן אויף דער ערד האט דאס נישט געהאלפן.

משא"כ מכת דם ווי דער מדרש תנחומא (פר' וארא) זאגט אז די מצריים האבן געקויפט וואסער פון די אידן, און פון דעם זענען די אידן רייך געווארן, ממילא איז די מכה פון דם געווען א מופת סיי בשמים און סיי בארץ.

**ר"ג אומר כל שלא אמר ג' דברים אלו בפסח ואלו הן פסח מצה ומרור לא יצא ידי חובתו:**

דער **צל"ח** זאגט לכאורה האט געדארפט שטיין מרור וואס קומט אלס זכר לעבדות, פאר פסח און מצה וואס ס'איז א זכר לחירות, ווייל די עבדות איז דאך געווען פאר די חירות, אבער לויט דעם טעם אז מ'איז ארויס פון מצרים פאר די צייט ווייל קושי השיעבוד האט משלים געווען, קומט דאך אויס אז מרור וואס איז א רמז אויף קושי השיעבוד איז אויך א זכר לחירות, ממילא גייט עס יא אויפן סדר. עס איז אבער דא נאך א טעם אז מען איז ארויס פאר די צייט ווייל דאס וואס אידישע קינדער זענען געגאנגען אין די אנדערע גלות'ער דאס האט משלים געווען.

דאס איז דער פשט **כל שלא אמר וגו' פסח מצה ומרור** ווייל ער האלט אז ס'איז נישט לויטן סדר, קומט דאך אויס אז ער האלט אז נישט די קושי השיעבוד האט משלים געווען, נאר די אנדערע גלות אויב אזוי **לא יצא ידי חובתו**, האט ער נאך נישט יוצא געווען זיין חוב פון די שיעבוד מצרים, און ער דארף דאס נאך משלים זיין.

◈ ◈ ◈

**כורך:** ביי כורך זאגט מען '**זכר למקדש כהילל**', אזוי ווי הילל האט גע'דרש'ענט פון 'על מצות ומרורים יאכלוהו' אז מ'דארף עסן מצה ומרור אינאיינעם טוען מיר אויך אזוי אלס 'זכר למקדש'. לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס האט דוקא הילל אזוי גע'דרש'ענט דעם פסוק?

זאגט דער רבי **בעל ברך משה זי"ע** מיט א מעשה וואס איז געווען ביים **הפלא"ה זי"ע** ווען ער איז געפארן צום **מעזריטשער מגיד זי"ע**, און ער האט אים געפרעגט פשט אין די משנה "**חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטוב**", לכאורה ווי אזוי איז דאס מעגליך אז א מענטש זאל קענען זיין אויף אזא מדריגה צו קענען לויבן דעם אייבערשטן אויף שלעכטס פונקט ווי אויף גוטס.

האט אים דער רבי ר' בער געהייסן אז ער זאל גיין צום **רבי'ן ר' זושא**, און ער זאל איהם פרעגן, האט אים דער רבי ר' זושא געזאגט אז ער פארשטייט נישט די משנה, ווייל ער ווייסט נישט וואס שלעכטס מיינט, ווייל אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז נאר א טובה, און עס איז בכלל נישט שלעכטס.

דאס איז געווען די שיטה פון הילל הזקן, ווי די גמרא זאגט אז הילל האט יעדן טאג געזאגט ברוך ה' יום יום, ווייל ער האט אלעס מקבל געווען לטובה סיי אויב ער האט אין יענעם טאג געהאט א גוטע זאך אדער א שלעכטע זאך, אלעס איז ביי איהם געווען לטובה און ער האט דאס אנגענומען בשמחה, ווייל די שיטה פון הילל איז דאס געווען אז אלעס איז לטובה, אזוי ווי דער רבי ר' זושא האט געזאגט אז פונעם אייבערשטן איז נישטא קיין שלעכטס.

אין די ספה"ק שטייט אז פסח און מצה זענען מרמז אויף די גאולה שלימה,

הנביא מיט אן אוירא דארץ ישראל און ירושלים פאר די צדיקים. און די וואס זענען דבוק אין די צדיקים און זיי גלייבן דערין זיי האבן די זכי' איז אזוי ווי זיי וואלטן אליין געגעסן.

האט דער צאנזער רב געזאגט "איר ווער אוודאי מיינען אז איך רעדט דא ברוחניות, ניין, איך רעד דא טאקע בגשמיות, די צדיקים עסן א געהעריג שטיקל פלייש פונעם קרבן פסח, איי מיר זענען דאך טמאי מתים? אבער די הלכה איז טומאה נדחה בציבור, דעריבער זענען מיר אין ירושלים און מיר עסן פון קרבן פסח".

דער רבי בעל דבר"י ז"ל האט דערציילט די מעשה און ער האט צוגעלייגט אז ווען דער הייליגער דברי חיים האט דאס געענדיגט דערציילן האט ער אנגעהויבן צו עסן דעם אפיקומן מיט גרויס התעוררות און ברען, אז יעדער ווער עס איז דארט געווען האט זיך גערדוקט אז ער זעהט דעם דברי חיים עסן די פלייש פון קרבן פסח.

מיט די מעשה האט דער רבי זללה"ה געטייטשט "כל דצריך" די צדיקים וואס האבן א מעגליכקייט (צריך איז א לשון פון יכולת, מעגליכקייט) "ייתי ויפסח" זאלן קומען דא עסן דעם קרבן פסח, כאטש "השתא הכא" מ'איז אין חו"ל, אבער "לשנה הבאה" וועלן אלע אידן עסן "בארעא דישראל".

◈

## אויב איז ער א חסיד...

ווען הגה"ק רבי יואל צבי ראטה זצוק"ל דער "בית היוצר" אבד"ק חוסט, איז געווען א קליין קינד, און ער איז געזעסן ביי זיין טאטנס סדר, ווען מען איז אנגעקומען צום זמר "אדיר הוא", האט מען געזאגט די ווערטער "חסיד הוא" האט ער געפרעגט זיין טאט'ן "אויב דער רבש"ע איז א חסיד פארוואס זאגט ער נישט "ויצמח פורקניה ויקרב משיחיה!" (ווייל נאר ביי חסידים וואס פירן זיך עפ"י נוסח האריז"ל זאגט מען די ווערטער, די אשכנזים זאגן דעם נוסח ביי קדיש "בעלמא די ברא כרעותי' וימליך מלכותי' בחייכון וביומיכון").

און מרור איז מרמז אויפן שיעבוד און די גלות, דאס איז דער טעם פארוואס הילל האט כורך געווען מצה ומרור, און ער האט אלעס געגעסן אנגעלאנטערהייט דרך חירות, ווייל ביי איהם איז נישט געווען קיין חילוק צווישן גוטס און שלעכטס, סיי וואס איז מרומז אין מצה סיי וואס איז מרומז אין מרור, אלעס האט ער אנגענומען בשמחה.

◈ ◈ ◈

**הללו את ד׳ כל "גוים" כי גבר "עלינו" חסדו:** איז לכאורה זייער שווער פארוואס דארפן די גוים לויבן דעם אייבערשטען אז ער טוט חסדים מיט די אידן?

נאר עס קען זיין מיט א משל צו א מענטש וואס ער איז געווען א גרויסער עושר אבער ער איז געווען בלינד ל"ע, איינמאל האבן א פאר גזלנים אפגעמאכט אז זיי וועלן מאכן א גריב אויפ׳ן וועג ווי דער בלינדער גייט יעדן טאג אריבער און ער וועט ארייפאלן, און דערווייל וועלן זיי אים באגנב׳נען, און אזוי איז געווען זיי האבן געמאכט די גריב, און צופרי איז דער בלינדער ארויס געגאנגען אויף יענע וועג, אבער ווען ער איז אנגעקומען ממש לעבן די גריב האט ער זיך אויסגעדרייט און איז צוריק אהיים, עס פארשטייט זיך אז די גזלנים וואס זיי האבן גע׳זעהן די גרויסע נס וואס איז אים געשען דארפן א סאך מער לויבן ווי דער בלינדער אליין וואס הייבט נישט אן צו וויסן פון די נס וואס ער האט געהאט.

די זעלבע איז אויך מיט די אומות העולם וואס עס שטייט דאך "עשו שונא ליעקב", און זיי פלאנירן שטענדיג גזירות רעות אויף די אידן, און דער אייבערשטער מיט זיינע גרויסע חסדים איז מבטל אלע זייערע גזירות, עס פארשטייט זיך אז די אומות העולם וואס זיי זעהן די חסדים פון דעם אייבערשטען צו די אידן ווי ער איז מבטל אלע זייערע גזירות, דארפן א סאך מער לויבן פון די אידן וואס ווייסן אינגאנצן נישט פון די ניסים וואס זיי האבן געהאט.

וועגן דעם זאגט דוד המלך "הללו את ד׳ **כל גוים**", פארוואס "כי גבר **עלינו** חסדו", און זיי ווייסן דאך פון די גרויסע ניסים וואס איז געטון געווארן פאר די אידן. (חתם סופר)

◈ ◈ ◈

**פודה כהלכה צדיקיו יאמרו לו לך כי לך לך ה׳ הממלכה:**

**כ"ק מרן רבינו שליט"א** האט געטייטשט (ליל הסדר תשס"ו לפ"ק) לויט וואס שטייט אין **יושב אוהלים** (פר׳ שמיני) צו פארענטפערן ווי אזוי זענען אידן ארויס פון מצרים פאר די צייט פון 400 יאר, ווייל דער אייבערשטער איז דאך א מלך, און די גמרא זאגט אין מס׳ סנהדרין אז אלעס וואס שטייט אין פרשת מלך מעג א מלך טון, און אין נ"ך שמואל שטייט אז א מלך קען צונעמען פעלדער און געבן פאר זיינע קנעכט, און די גמרא זאגט אז א קנעכט איז אזוי ווי קרקע ממילא קען דער מלך אויך נעמען אן עבד פון איינעם און דאס געבן פאר וועמען ער וויל דאס געבן.

ממילא איז פארשטענדליך ווי אזוי דער אייבערשטער האט געקענט נעמען די אידן וואס זענען געווען קנעכט פאר פרעה און זיי נעמען פאר זיך, וויבאלד דער רבש"ע האט א דין ווי א מלך, און א מלך איז בארעכטיגט דאס צו טון.

תוספות אין מס׳ סנהדרין זאגט אז די הלכה אז א מלך מעג טון וואס ער וויל, און אוועקנעמען יענעמס קנעכט וכדומה, דאס איז נאר ווען עס איז דא איין מלך ביי כלל ישראל, משא"כ ווען עס איז דא מער ווי איין מלך טאר ער דאס נישט טון.

קומט אויס אז ווען אידישע קינדער גלייבן באמונה שלימה אז עס איז דא נאר איין באשעפער אחד יחיד ומיוחד, דעמאלטס קען כביכול דער רבש"ע אוועקנעמען די אידן פון פרעה און זיי נעמען פאר זיך, אויב ח"ו גלייבט מען נישט אין אחדות הבורא, דעמאלטס קען דאס כביכול נישט טון.

דאס זאגט דער פייט "**פודה כהלכה**" דער רבש"ע האט אויסגעלייזט אידן פון מצרים עפ"י הלכה, אי׳ עס איז דאך נישט געווען די צייט אז זיי זאלן ארויסגיין פון מצרים, ווייל א מלך מעג טון וואס ער וויל און ער קען אוועקנעמען יענעמס עבד. פארוואס? ווייל "**צדיקיו יאמרו לך ולך וכו׳ לך ה׳ הממלכה**" אז דער רבש"ע איז דער אחד יחיד ומיוחד ואין עוד מלבדו, ממילא כל האמור בפרשת מלך מלך מותר בו, האט דער אייבערשטער געקענט ארויסנעמען די אידן פאר די צייט.

## פירוש אויף חד גדיא
### פון הגדה ברכת השיר

**חד גדיא חד גדיא דזבין אבא בתרי זוזי:** חד גדיא גייט ארויף אויף כלל ישראל וואס דער אויבערשטער האט זי געקויפט "בתרי זוזי" פאר די צווי ווערטער "נעשה ונשמע".

**ואתא שונרא ואכלה לגדיא:** די ערב רב וואס זענען נישט געטריי פארן אייבערשטן, אזוי ווי א שונרא וואס איז נישט געטריי פאר זיין בעל הבית, און האבן זיך צוגעטשעפעט צו די אידן, און האבן זיי פארדארבן.

**ואתא כלבא ונשך לשונרא :** עמלק וואס איז אזוי ווי א כלב, האט געביסן דעם שונרא, ווייל דורך דעם כח פון די ערב רב האט עמלק געהאט א כח מלחמה צו האלטן מיט די אידן.

**ואתא חוטרא והכה לכלבא:** דער שטעקן פון משה רבינו האט מכניע געווען עמלק ביי די מלחמה.

**ואתא נורא ושרף לחוטרא:** ס'איז געקומען דער פייער, דאס איז דער יצר הרע, און האט גורם געווען אז די אידן זאלן מאכן דעם עגל, דורך דעם איז אראפגעהאקט געווארן דער כח הקדושה פון משה רבינו'ס שטעקן, וואס האט געהאלפן די אידן ביי די מלחמה פון עמלק.

**ואתא מיא וכבה לנורא:** איז געקומען משה רבינו וואס מען האט אים ארויסגענומען פון וואסער, און אויסגעלאשן דאס פייער, דעם צארן פונעם אייבערשטן וואס ער האט געהאט אויף אידישע קינדער.

**ואתא תורא ושתא למיא:** איז געקומען ירבעם בן נבט וואס שטאמט פון שבט אפרים, וואס איז גליך צו א "שור", און דורך זיינע עגלים, די עבודה זרות, האט ער דערוועקט דעם צארן פונעם אייבערשטן, וואס איז פארלאשן געווארן דורך די וואסער פון משה רבינו.

**ואתא השוחט ושחט לתורא:** איז געקומען יאשיהו המלך דער וואס האט פארניכטעט די עגלים פון ירבעם בן נבט, צוזאמען מיט די כהנים וואס האבן געדינט עבודה זרה.

**ואתא מלאך המות ושחט לשוחט:** דער שטן האט געהרג'ט יאשיהו המלך, און דורך דעם איז שוואך געווארן דער כח פון אידן.

**ואתא הקדוש ברוך הוא ושחט למלאך המות:** און מיר ווארטן אויף דעם טאג אז דער אייבערשטער זאל קומען און שחט'ן דעם יצר הרע, און דאס שלעכטס וועט אוועקגענומען ווערן פון די וועלט.

## פירוש אויף חד גדיא
### פון הגאון מהר"ט מפראנקפורט

**חד גדיא חד גדיא דזבין אבא בתרי זוזי:** (א וויכוח צווישן א איד און א מצרי) דער טאטע האט געקויפט א ציג (די ע"ז פון די מצריים) פאר זייער א ביליגער פרייז, 2 גילדען. און צו אזא ביליגע זאך בוקן זיך די מצריים.

רופט זיך אהן דער איד: "פארוואס דינט איר דעם "ציג" וואס קאסט אזוי ווייניג געלט, דינט בעסער די "קאץ" וואס איז שטערקער און קען אויפעסן די ציג". זאגט דער מצרי: "גוט, מיר וועלן דינען די קאץ"!

זאגט דער איד: "אויב אזוי, דינט בעסער דעם "הינט", וואס ער קען צורייסן די 'קאץ' אויף שטיקער און מאכן א ענדע פון די ע"ז! ענטפערט דער מצרי: "גוט, מיר הייבען אהן צו דינען דעם שטארקן הינט"!

זאגט ווייטער דער איד: "אויב אזוי, איז שוין בעסער אז איר דינט דעם "שטעקן" וואס קען שלאגן און הרג'נען דעם הינט"... ענטפערט דער מצרי: "טאקע גוט, מיר וועלן דינען פאר דעם "שטעקן" וואס האט אין זיך א שטארקן כח, און מיר וועלן זאגן אז דער שטעקן איז אונזער גאט"!

זאגט ווייטער דער איד: "אויב אזוי, פארוואס דינט איר נישט דעם "פייער" וואס פארברענט דעם שטעקן און מאכט פון אים אַש"! זאגט דער מצרי: "נו גוט, מיר וועלן דינען דעם "פייער" וואס פארברענט דעם שטעקן".

שפעט פון איהם דער איד: "וואס פאר א גאט איז "פייער", וואס "וואסער" קען איהם פארלעשן? - "וואסער" איז דאך פוהל שטארקער פון פייער". ענטפערט דער מצרי: "זייער פיין, מיר הייבען אהן צו דינען די וואסער".

פרעגט איהם דער איד: "אויב די וואסער וועט זיין אייער גאט - קען דאך קומען דער "אקס" און איהם אויסטרינקען. איז דאך שוין בעסער אז איר דינט דעם אקס". זאגט איהם דער מצרי: "גוט, מיר דינען דעם אקס".

לאכט דער איד: "וואס פאר א כח האט דער "אקס", עס קומט דער "שוחט" און נעמט זיין מעסער אין האנט און שחט איהם אפ"... טראכט דער מצרי: "שוין, מיר הייבן אן צו דינען דעם שטארקן "שוחט" וואס קען שחט'ן דעם אקס".

פרעגט איהם ווייטער דער איד: אויב דער "שוחט" איז אייער גאט ווייל ער קען שחט'ן דעם אקס, - אבער דער שוחט ליגט דאך אין די הענט פון דעם "מלאך המות". ווען דער "מלאך המות" וויל, הרג'ט ער דעם שוחט. איז דאך שוין בעסער צו דינען דעם "מלאך המות"! זאגט צוריק דער מצרי: "זייער גוט, פון היינט אהן וועלן מיר דינען דעם שטארקן "מלאך המות". ווייל ער איז דער שטערקסטער און קען יעדן הרג'נען!

רופט זיך אן דער איד: "דו טיפש וואס דו ביזט"! די אלע שטארקע כוחות וואס געפונען זיך אויף דער וועלט, איז דאך גארנישט קעגן די שטארקע כח פון דעם איין איינציגען באשעפער וואס האט באשאפן די הימל און ערד"! ער מאכט דאך אלעם לעבן און העלפט יעדן איינעם עס איז נישט דא קיין אנדערע גאט אויסער אים".

ווען משיח וועט קומען, וועלן אלע פעלקער איינזעהן אז עס איז טאקע נישט דא נאך א באשעפער אויף דער וועלט אויסער דער אייבערשטער, און זיי וועלן אנהייבן אים צו דינען מיט'ן גאנצן הארץ, במהרה בימנו אמן!

# טעמים על עניני הסדר

מלוקט מפי ספרים וסופרים

**טעם פון אנטוהן א ווייסע קיטל:**

ווייל אין די נאכט פון **פסח** קען מען צוקומען צו די מדרגה פונעם כהן גדול ווען ער איז אריין געגאנגען אין קדשי קדשים, אין הייליגסטן טאג פונעם יאר יום כיפור, מיט ווייסע קליידער, וועגן דעם טוען מיר אויך אָן א ווייסע קיטל.

ב) ווייל א ווייס בגד איז א חשוב'ע קלייד, און עס ווייזט אויף פרייהייט, און מיר ווייזן דערמיט אז מיר זענען שוין מער נישט קיין קנעכט נאר פרייע מענטשן.

ג) ווייל מען האט מורא געהאט אז דורך די גרויסע שמחה פונעם סדר נאכט וועט מען ח"ו צוקומען צו גיאות (מען וועט זיך גרויס האלטן אז מען האט אין איין נאכט מקיים געווען אזויפיל מצוות) וועגן דעם טוט מען אן א 'קיטל' וואס דאס איז א קלייד וואס מען טוט אן פאר נפטרים ל"ע, וואס דאס דערמאנט דעם מענטש אז מען לעבט נישט אייביג, און עס איז נישט דא מיט וואס זיך גרויסצוהאלטן (טורי זהב).

ד) ווייל ווייס איז א ריינער קאליר און עס איז נישט אויסגעמישט מיט אנדערע קאלירן, אזוי אויך איז די אויסלייזונג פון מצרים געווען דורך דעם אייבערשטן אליינס, און קיין שום זאך האט נישט צוגעהאלפן דערצו (מהר"ל מפראג בדברי נגידים).

☆

**טעם פארוואס צינדט מען אן "מה נשתנה לעכטי":**

עס שטייט אין זוהר הקדוש (פרשת בא) אז אין די נאכט וואס אידישע קינדער זענען ארויס פון מצרים, איז געווען אזוי ליכטיג ווי אין א טאג אינמיטן חודש תמוז, וועגן דעם צינדן מיר אן גרויסע לעכט וואס ברענען א גאנצע נאכט צו ווייזן אז אין די נאכט איז געווען א גאנצע נאכט ליכטיג.

וועגן דעם רופט מען דאס אן "מה נשתנה" לעכט, ווייל די נאכט איז געווען אנדערש פון אלע אנדערע נעכט מיט די ליכטיגקייט (ילקוט אברהם).

☆

**טעם פארוואס מ'דארפט נאכגיין נאך רויטע וויין:**

ווייל עס איז דא דערביי א זכר צו די בלוט אין וואס פרעה האט גע'שחט'ן אידישע קינדער.

☆

**טעם פארוואס מ'לייגט אראפ פאר דעם וואס זאגט די הגדה א קערה מיט דריי מצות, מרור, חרסת, און צוויי תבשילין:**

די דריי מצות כדי מ'זאל קענען זאגן אויף זיי די הגדה, ווי חז"ל דרש'ענען לחם עוני, לחם שעונים עליו דברים הרבה אז מ'דארף זאגן די הגדה אויף די מצה.

מרור און חרוסת, ווייל ס'שטייט אין פסוק והגדת לבנך ביום ההוא לאמר בעבור זה, בעבור זה לא אמרתי אלא בשעה שיש מצה ומרור מונחים לפניך, און חרוסת איז א זכר צו די ליים וואס אונזערע עלטערן האבן געארבעט דערמיט אין מצרים.

די צוויי תבשילין, ביצה און זרוע, ווייל בזמן וואס דער ביהמ"ק איז געשטאנען האט מען געדארפט ברענגען דעם קרבן פסח בשעת מ'האט געזאגט די הגדה, יעצט אז דאס ביהמ"ק איז חרוב געווארן האבן חז"ל מתקן געווען אז עס זאל זיין אויפן טיש צוויי תבשילין איינס א זכר צו קרבן פסח, און א זכר צום קרבן חגיגה.

☆

**טעם פארוואס די פלייש אויף די קערה נעמט מען דוקא פונעם זרוע:**

אלס זכר אז השי"ת האט זיי אויסגעלייזט בזרוע נטוי'.

☆

**די צווייטע תבשיל נעמט מען א ביצה:**

ווייל אויף לשון ארמי זאגט מען 'בעיא', וואס דאס איז א לשון פון 'בעיא רחמנא למפרק יתנא בדרעא מרממא", השי"ת האט אונז געוואלט אויסלייזן מיט א שטארקע האנט.

☆

**די חרוסת דארף זיין געדעכט:**

ווייל דאס איז א זכר צו די טיט וואס אונזערע עלטערן האבן מיט דעם שווער געארבעט אין מצרים.

☆

**טעם אויף דעם וואס מ'מאכט דאס ווייך אין משקה:**

ווייל דאס איז א זכר צום דם, וועגן דעם זאל מען דאס ווייך מאכן מיט א רויטע משקה ווי בארשט אדער רויטע וויין.

☆

**מ'מאכט די חרוסת פון פירות פון פייגן, ניס, טייטלען, מילגרוים, עפל, מאנדלען:**

ווייל די אלע זענען פירות צו וואס אידישע קינדער זענען צוגעגליכן. פייגן: התאנה חנטה פגיה. ניס: אל גינת אגוז ירדתי. טייטלען: אעלה בתמר. מילגרוים: כפלח הרימון רקתך. עפל: תחת הפוח

עורדתיך. מאנדלען, ווייל הקב"ה האט שוקד געווען צוצואיילן דאס ארויסגיין פון גלות.

☆

**טעם פארוואס מ'עסט "כרפס":**

א) ווייל עס איז די אותיות "ס" "פרך", דאס מיינט אז זעכציג מאל צען טויזנט אידן האבן געארבעט "פרך" שווערע ארבעט אין מצרים.

ב) ווייל "כרפס" איז א לשון פון "זיידן" (ווי עס שטייט "כתונת פסים"), און וועגן די זיידענע העמדל וואס די ברידערס האבן מקנא געווען יוסף הצדיק, האבן זיי אים פארקויפט קיין מצרים, און דורך דעם איז ארויס געקומען דער גאנצער גלות מצרים.

☆

**טעם פארוואס כרפס דארף זיין דוקא א בורא פרי האדמה:**

כדי ס'זאל קענען פטר'ן פון צו מאכן א בורא פרי האדמה אויף די מרור אינמיטן די סעודה.

☆

**טעם פארוואס מ'מאכט נישט קיין "בורא נפשות" אויב ער האט געגעסן א כזית פון די ירקות:**

וויבאלד די מרור ווערט גע'פטר'ט מיט די בורא פרי האדמה וואס מ'האט געמאכט אויף די ירקות, דעריבער ווערן אויך די ירקות גע'פטר'ט מיט די ברכה אחרונה וואס מ'מאכט אויפן מרור, וואס דאס איז ברכת המזון. אזוי ווי די הלכה איז ביי פירות וואס ווערן געגעסן אינמיטן די סעודה אז זיי ווערן גע'פטר'ט מיט ברכת המזון.

☆

**טעם פארוואס מ'זאל טאקע נישט עסן פון די ירקות קיין גאנצע כזית:**

ווייל עס איז דא א דעה וואס האלט אז וויבאלד ער איז מחויב צו עסן מרור באלד נאך די מצה, איז דאך די מרור ווי א 'דברים הבאים מחמת סעודה' און עס איז ווי א טפל צו די מצה און עס ווערט שוין גע'פטר'ט מיט די המוציא, לויט דעם ווערט די מרור בכלל נישט גע'פטר'ט דורכן כרפס, נאר דורכן המוציא, ממילא אויב מ'עסט א שיעור וועט מען דארפן מאכן א ברכה אחרונה.

☆

**טעם פארוואס מען צוטיילט די מצה ביי יחץ:**

צו ווייזן אז די אידן זענען געווען אין מצרים נאר א האלבע צייט פון 400 יאר, וואס זיי האבן געדארפט זיין אין גלות, און זיי זענען נאר געווען 210 יאר (שמחת הרגל).

ב) דער רבי בעל דברי יואל זי"ע זאגט אז פאר דעם צוברעכט מען די מיטעלסטע מצה ביי יחץ, ווייל ווען אלע דריי מצות וואס זענען מרומז קעגן כהן, לוי, ישראל, האלטן זיך באחדות און האבן זיך ליב אינעם דעם צווייטן, אבער פונדעסטוועגן דאך פון רשעים, און פון מענטשן וואס חבר'ן זיך מיט רשעים דארף מען זיך אפשידן, און מען טאר זיך מיט זיי נישט חבר'ן (הגדה דברי יואל).

☆

**טעם פארוואס מען צוטיילט דוקא די מיטעלסטע מצה:**

ווייל די מיטעלסטע מצה איז קעגן לוי, און דער שבט לוי איז צוטיילט געווארן אויף צוויי טיילן: 1) כהנים. 2) די לוויים.

☆

**יקח המצה האמצעית ויחלקנה לשתים:**

ס'קען זיין די טעם אז מען צוברעכט דווקא די מיטלסטע מצה, לויט וואס עס שטייט אז די דריי מצות זענען קעגן אברהם, יצחק, יעקב, און די מיטלסטע איז קעגן יצחק.

די גמרא (שבת פ"ט) ברענגט אז לעתיד לבא וועט דער אייבערשטער זאגן פאר יצחק בניך חטאו, און ער וועט ענטפערן בני הם ולא בניך! וכו' פלגא עלי ופלגא עלך.

וועגן דעם צוטיילט מען די מיטלסטע מצה וואס עס איז קעגן יצחק, צו מרמז זיין אז ער וועט אויך צוטיילן לעתיד לבא און זאגן פלגא עלי ופלגא עלך. (שער יששכר בשם זקינו השם שלמה)

☆

**טעם פארוואס מען מאכט נישט קיין ברכה אויף די הגדה:**

דער רי"ף ענטפערט אז דאס וואס מען זאגט ביי קידוש "זכר ליציאת מצרים" דאס איז שוין די ברכה וואס מען מאכט אויף די הגדה.

ב) דער רשב"א זאגט ווייל וויבאלד די מצוה פון סיפור יציאת מצרים האט נישט קיין שיעור, ווי מען זאגט אין די הגדה 'וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח', און אויף א מצוה וואס האט נישט קיין שיעור מאכט מען נישט קיין ברכה.

☆

**טעם פארוואס מרור ווערט אנגערופן חסא:**

דורך מידת אמת ווערט מען ניצול פון מיתה, ווען עס איז די א גזירה פון "מת" איז מען מוסיף דעם אות א', דורך דעם וואס מען איז זיך מדבק אינעם אלופו של עולם ווערט מען ניצול פון מיתה, ווייל עס ווערט "אמת". די מרור איז גמטריא "מות", ווי אזוי ווערט מען ניצול דערפון? איז די עצה אז מען זאל צולייגן דעם א', וועגן דעם האבן חז"ל א נאמען געגעבן די מרור "חסא", וואס איז דער פשט "חס" בגי' "חיים" אויב ווילסטו לעבן, "א'" זאלסטו זיך מדבק זיין אינעם אלופו של עולם. (אמרי נועם)

☆

**טעם פארוואס מען עסט אייער ביי די סעודה:**

ווייל די ערשטע נאכט פסח געפאלט שטענדיג אויס דעם זעלבן טאג ווי תשעה באב, און אייער איז א מאכל פון א אבל, צו

דערמאנענ דעם חורבן בית המקדש (רמ"א).

ווייל א איי ווי מער מען קאכט עס ווערט עס הארטער און שטערקער, אזוי אויך די אידן, ווי מער מען פייניגט זיי ווערן זיי אלץ שטערקער און גרעסער (חתם סופר)

☆

**טעם פארוואס מען גנב'עט דעם אפיקומן:**

ווייל ס'שטייט אז 'בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים', מ'דארף זיך פארשטעלן אז וואס ס'איז געווען אין מצרים איז געשען מיט אונז, און ס'שטייט "מתחילה עובדי ע"ז היו אבותינו" קומט אויס אז מ'דארף זיך פארשטעלן אז מיר זענען עובדי ע"ז, וועגן דעם גנב'ט מען די אפיקומן וואס אזוי טוען עובדי ע"ז (כ"ק מרן רבינו הגה"ק זי"ע, ברך משה)

☆

**טעם פארוואס מען גיסט אן דעם "כוס של אליהו":**

ווייל עס איז דא פוסקים וואס זאגן אז מען דארף טרינקן פינף כוסות. און יעדע ספק אין די הלכה וועט אליהו הנביא פארענטפערן ווען משיח וועט קומען במהרה בימינו, וועגן דעם גיסט מען אָן דעם פינפטן כוס של אליהו און מירווארטן אז אליהו הנביא זאל קומען און זאגן אויב מען דארף עס טרינקן.(הגר"א מווילנא).

☆

**טעם פארוואס מען עפענט די טיר פאר אליהו הנביא:**

ווייל פסח ביינאכט איז ליל שימורים מיר האבן פון גארנישט מורא, מיר ווייזן אז מיר האבן אמונה און בטחון אין הייליגן באשעפער אז ער וועט אונז קיינמאל נישט פארלאזן, עפענט מען די טיר צו ווייזן אז מען דארף נישט מורא האבן ווייל מיר זענען באשיצט פון השי"ת (רמ"א).

די טעם פון פותחין הדלת קען זיין ווייל די בהמ"ק ווערט אנגערופען "בירה" און ס'איז דא 2 בתי מקדשות בהמ"ק של מטה און בהמ"ק של מעלה, און ס'שטייט אז ווען די בהמ"ק איז חרוב געווארן איז עס ארויף אין הימל און ס'האט זיך באהאפטן צו די בהמ"ק של מעלה, און ווען די צוויי בתי מקדשות זענען באהאפטן איז עס צוויי מאל "בירה" וואס איז גמטריא "דלת", וועגן דעם איז מען מתפלל "פותחין הדלת" אז די צוויי בתי מקדשות וואס זענען יעצט בגמטריא דלת זאל זיך עפענען אין זיך אפטיילן אויף צוויי. (מהר"ש מבעלזא)

☆

**טעם פארוואס מ'זאגט נישט קיין ברכה אויפן הלל וואס מ'זאגט ביים סדר:**

ווייל מ'זאגט נישט הלל אויף איינמאל, נאר די ערשטע האלב פאר די סעודה, און די צווייטע האלב נאכן בענטשן.

☆

## מילי דרמיזא

**טעם פארוואס די קערה איז אויסגעשטעלט מיט א סגו"ל אויבן און א סגו"ל אונטן:**

**מען קען זאגן א רמז לויט'ן מדרש אויפ'ן פסוק עמו אנכי בצרה, אל תקרי בצרה אלא בציר"י. זאגט הה"ק רבי שמשון מאוסטראפלי זי"ע אז די נקודה פון סגול איז דריי יודי"ן און עס איז מרמז אויף דריי קדושות וואס הייבן זיך אן מיט א יו"ד, י'-הו-ה, י'שראל י'רושלים. ווען די בית המקדש איז חרוב געווארן איז נאר דא צוויי יודי"ן ווייל עס פעלט די קדושה פון ירושלים. דאס זאגט די מדרש עמו אנכי בצרה, אז דער אייבערשטער איז צווישען אונז אפילו היינטיגע צייטן ווען עס איז נאר דא צוויי יודי"ן אזוי ווי א צירי.**

**עס שטייט אין תיקונים אזוי ווי עס איז דא א סגול דא אונטן איז אויך דא א סגול אויבן אין הימל, אקעגן די דריי זאכן, ווייל אויבן איז אויך דא ירושלים של מעלה, און די נשמות ישראל.**

**קומט אויס א גאנץ יאר איז דא אויבן א סגול און אונטן א צירי, ווייל דא אונטן פעלט די בית המקדש, די קדושה פון ירושלים, אבער פסח ביינאכט קומט אראפ אין יעדע אידישע הויז קדושת ירושלים, וועגן דעם מאכט מען א רמז אויפ'ן קערה א סגול אויבן און א סגול אונטן, צו מרמז זיין אז פסח ביינאכט איז דא סיי א סגול אויבן אין הימל, און אויך א סגול דא אונטן.** (אגודת אזוב להגאון בעמח"ס ויגד יעקב)

# ענייני ספירת העומר

דער **חינוך** (מצוה ש"ו) שרייבט אז דער טעם פון מצות ספירת העומר איז "**להראות בנפשינו החפץ הגדול אל היום הנכבד בלבנו**" אז מיר ווייזן ארויס ווי שטארק מיר קוקן ארויס אויף דעם הייליגן יו"ט שבועות, דעריבער ציילן מיר די טעג צו ווייזן דאס חשיבות פון יעדן פארבייגייענדן טאג צום יו"ט שבועות.

מיט דעם איז דער **חינוך** מסביר פארוואס מיר ציילן ספירה וויפיל טעג עס איז שוין אריבערגעגאנגען, און נישט וויפיל טעג מיר האבן נאך צו שבועות, ווייל אז מ'וואלט אנגעהויבן צו ציילן 49 טעג צום יו"ט וואלט דאס נישט געצייגט אויף די גרויסע שמחה וואס מיר האבן מיט יעדן טאג וואס מיר ווערן נענטער צו מתן תורה. איז טאקע אליבא דאמת - לויט דעם טעם - נאכן 25'סטן טאג, ווען די נומערן ווערן שוין גרעסער, וואלט מען שוין יא געדארפט אנהייבן צו ציילן אויף וויפיל טעג מיר האבן נאך ביז מתן תורה, אבער מען טוישט שוין נישט דעם סדר ווען מען האלט שוין אינמיטן ציילן.

### פארוואס מאכט מען נישט די ברכה "שהחיינו" דעם ערשטן טאג ווען מען הייבט אן צו ציילן ספירה?

דער **בעל המאור** (סוף מס' פסחים) זאגט א טעם ווייל די מצוה פון ציילן ספירה איז דאך נאר אלס א זכר צו די מצוה פון קצירת העומר אין פסח, און הקרבת קרבן און שתי הלחם אין שבועות, וואס דעמאלטס איז אנגעגאנגען די מצוה פון ציילן די טעג, אבער היינט בזמן שאין בית המקדש קיים, איז דאך די מצוה נישט נוגע למעשה, דעריבער מאכט מען נישט קיין **שהחיינו** אויף אזא מצוה.

נאך א טעם זאגט דער **בעל המאור** ווייל די ברכה פון **שהחיינו** זאגט מען אויף א מצוה וואס מען האט הנאה דערפון, ווי **לולב** וואס קומט איבער די שמחה פון זמן שמחתינו, **תקיעת שופר** וואס איז א זכרון לאבינו שבשמים, ליינען די **מגילה** איז א הנאה מען דערמאנט די נסים דחס רחמנא עלן ופרקינן, אבער ספירה איז נישט קיין זכר צו קיין שום הנאה נאר אדרבא, עס ברענגט אויף עגמת נפש ווען עס דערמאנט די מצוות וואס מיר האבן היינט נישט זייטן חורבן, דעריבער מאכט מען נישט קיין **שהחיינו**.

דער **מטה משה** זאגט א אנדערע תירוץ ווייל געווענליך זאגט מען **שהחיינו** אויף א מצוה וואס מען איז תיכף מקיים, דא וועט מען מאכן א שהחיינו דעם ערשטן טאג אויף די ספירה וואס מ'וועט ציילן די קומענדיגע 49 טאג, און אויב איינער וועט איין טאג פארגעסן צו ציילן ספירה, קומט אויס אז עס וועט למפרע ווערן א ברכה לבטלה, ווייל די מצוה איז נאר אויב מ'ציילט אלע 49. דעריבער האט מען נישט מתקן געווען צו מאכן א **שהחיינו**.

דער **בני יששכר** ברענגט א תירוץ בשם הרה"ק ר' **פנחס'ל קאריצער** זי"ע אז דאס ציילן ספירה איז נאר אן **הכנה למצוה** צום יו"ט שבועות, און אויף שבועות גופא מאכט מען דאך שוין א **שהחיינו**, מילא אויף די הכנה אליין מאכט מען נישט קיין **שהחיינו** (וכן מובא בשם הגה"ק בעל קדושת לוי).

### פארוואס ציילט מען נישט יעדן טאג ספירה צוויי טעג מחמת ספיקא דיומא, אזוי ווי מיר האלטן יעדן יו"ט צוויי טעג?

דער **בעל המאור** ענטפערט ווייל אויב מען וועט ציילן יעדן טאג צוויי טעג מחמת ספיקא דיומא, וועט מען דאך די ערשטע נאכט שבועות אויך ציילן דעם 49'סטן טאג מחמת ספק, און דאס איז א בזיון פארן יו"ט צו ציילן און ווייזן אז דער גאנצער יו"ט איז א ספק דעריבער ציילט מען נאר איין טאג.

נאכן ציילן ספירה זאגט מען א תפלה פון "**הרחמן הוא יחזיר לנו עבודת בית המקדש למקומה**". וויבאלד מען האט געציילט ספירת העומר, א מצוה וואס איז אנגעגאנגען בזמן שבית המקדש היה קיים, און די גאנצע מצוה פון ספירה בזמה"ז איז א מחלוקה, דער **רמב"ם** האלט אז עס איז מה"ת און **תוס'** און **רא"ש** האלטן אז עס איז א דרבנן, דעריבער בעט מען ביים אייבערשטן אז ער זאל שוין ווי פריער צוריק קערן די הייליגע עבודה פון ביהמ"ק, און מיר זאלן קענען מקיים זיין די מצוה בפועל מן התורה.

איידער מען ציילט ספירה זאגט מען **לשם יחוד**, ווען צווישן זאגט מען די ווערטער "**כמו שכתוב בתורה וספרתם לכם ממחרת השבת וגו' תספרו חמשים יום והקרבתם מנחה חדשה לה'**, לכאורה פארוואס זאגט מען די ווערטער **והקרבתם מנחה חדשה**, ווען מען האלט נישט ביים יו"ט שבועות ווען מ'איז מקריב דעם קרבן העומר?

עס ווערט געברענגט א תירוץ בשם ספר **עיון תפלה** וויבאלד די הלכה איז אז **כל פסוקי דלא פסקי משה לא פסקינן**, דעריבער דארפן מיר זאגן דעם גאנצן פסוק בשלימות, אפילו די ווערטער פון **והקרבתם מנחה חדשה לה'** איז נישט נוהג בזמן הזה.

נאר אויב אזוי ווערט שווער א קשיא, ווייל ביים נוסח פון **רבונו של עולם** וואס מען זאגט נאך ספירה זאגט מען דאך אויך די ווערטער **כמו שכתוב בתורה וספרתם וגו'** און מען ענדיגט נישט דעם גאנצן פסוק נאר ביז **חמשים יום**, ומאי שנא האי מהאי.

איז דא א תירוץ וויבאלד די **יהי רצון** איז א נוסח פון א **תפלה**, און ביי א תפילה איז נישטא דער כלל פון **כל פסוקי**.

דער **ליקוטי מהרי"ח** זאגט א שיינעם תירוץ, אז די תפלה פון **רבונו של עולם** האט מתקן געווען דער **אריה"ק** און ווי מיר זעהן ביי פארשידענע תפילות פונעם **אריז"ל** אז ער האט יא צוטירט האלבע פסוקים אין זיינע תפילות.

דער **מגן אברהם** ברענגט אז מען זאל זאגן די קאפיטל תהלים פון **אלקים יחננו ויברכנו**. דאס קאפיטל האט 49 ווערטער קעגן די מ"ט ימי הספירה, ז' פסוקים קעגן די שבע שבועות, און דער פסוק **ישמחו וירננו** האט מ"ט אותיות יעדן טאג איז מכוון קעגן א צווייטע אות.

אזוי אויך זאגט מען די תפלה פון **אנא בכח** וואס יעדע ווארט איז מכוון קעגן א טאג פון די ימי הספירה. אין די זיבעטע טאג דארף מען אינזינען האבן די ר"ת פון די גאנצע פסוק.

עס שטייט אין ספר **תורת חיים** פון הרה"ק ר' **חיים קאסוב'ער** זי"ע אויפן נוסח וואס מ'זאגט אין די תפלה נאך ספירה **אתה צויתנו לספור ספירת העומר כדי לטהרינו מטומאותינו**, וואו שטייט דאס אין די תורה? זאגט דער **תורת חיים** אז אין די תורה שטייט דער לשון **וספרתם לכם**, וואס די ווארט איז לכאורה איבריג? נאר **לכם** איז ראשי תיבות **כ**ידי **ל**יטהרינו **מ**יטומאותינו.

# עולת שבת בשבתו
# שיר השירים – חול המועד

**לריח שמניך טובים שמן תורק שמיך על כן עלמות אהבוך:** י"ל ע"ד הלצה כי חילוק יש בין העובד מאהבה להעובד מיראה, כי העובד מיראה אינו עובד אלא אחר הגיעו לשנת העשרים לימי חייו שאז הוא כבר בר עונשין, משא"כ קודם לכן אינו מתירא כי אכתי אינו בר עונשין. אבל העובד מאהבה עובד את השי"ת גם בימי הילדות והבחרות, וזהו שאמר **לריח שמניך טובים שמן תורק שמיך**, פי' כיון שאנו מכירין את גדולתך ומידת טובך, על כן גם **עלמ"ת** - מלשון בחרות וילדות - **אהבוך**, כי מחמת אהבתך משתעבדין אליך גם בימי עלומותיהם (תפארת עוזיאל).

*

**כולך יפה רעיתי ומום אין בך:** הרב הקדוש **רבי ר' צבי הירש מזידיטשוב זי"ע** טייטשט אז ווען מ'איז דן אויף יעדן מענטש בפרטיות, קען מען טרעפן ביי איהם פארשידענע נישט גוטע זאכן, אבער ווען מ'קוקט אויף כלל ישראל בכלליות זענען זיי זייער גוט פול מיט מעלות, ווי דער פסוק זאגט 'ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ', דעריבער וועגן אידישע קינדער זענען ח"ו מיט מחלוקת און קריגערייען דעמאלטס קוקט מען אויף יעדן איינעם עקסטער, זעהט מען דאך די נישט גוטע חלקים פון יעדן איד, אבער ווען אידן זענען אינאיינעם דעמאלטס גייען זיי ארויס זכאי בדין.

דאס זאגט דער פסוק **כלך**, ווען כלל ישראל איז באחדות, דעמאלטס איז **יפה רעיתי ומום אין בך** זעהט מען נישט אויף זיי קיין פעלער.

## דרש דרש

**השמיעני את קולך כי קולך ערב:** דער ערשטער **בעלזער רב** זי"ע זאגט אז **תשובה תפלה וצדקה** איז קעגן **צום קול וממון**, וואס זענען בגימטריא 136.

די צוויי זאכן **צום** און **ממון** קען נישט יעדער מענטש מקיים זיין, ווייל א שוואכער מענטש קען נישט פאסטן געהעריג, אזוי אויך אן ארימאן האט נישט צו געבן קיין צדקה, אבער **קול** מתפלל זיין קען יעדער. דעריבער אויב א מענטש איז נישט מקיים דעם צום און ממון, האט ער א תירוץ אז ער קען דאס נישט מקיים זיין, אבער אויב ער איז נישט מקיים דעם **קול**, קען מען אויך פארלאנגען פון אים אויך פאר די אנדערע צוויי.

דאס זאגט דער פסוק **השמיענו את קולך כי קולך ער"ב**, פי' מיט **קולך** ביסטו ערב אויך אויף די אנדערע צוויי **צום וממון** וואס זענען בגימטריא **ער"ב**, ווייל קול קענסטו דאך זיכער.

*

**האלף לך שלמה ומאתים לנוטרים את פריו וגו' היושבת בגנים חברים מקשיבים לקולך השמיעני.** ראיתי בזה דבר נאה ומתקבל בספר פתח עינים **להגאון חיד"א ז"ל** על מ"ד בגמרא (מנחות מ"ג) תניא היה ר' מאיר אומר חייב אדם לברך מאה ברכות בכל יום וכו', רב אחא ברי' דרב אויא בשבתא וביומי טבי טרח וממלי להו באיספרמקי ומגדי. וזל"ק כת הקודמין פירשו בזה מאמר הכתוב האלף לך שלמה ומאתים לנוטרים את פריו, כי מוכח בפרק כיסוי הדם (חולין פ"ז) דשכר ברכה עשרה זהובים וכו' ולפי"ז מאה ברכות שכרן אלף

## מעשה רב

### על משכבי בלילות

דער הייליגער רבי ר' הערשעלע זידיטשובער זי"ע האט אמאל געוויינט און געבעטן אויף די גאולה שלימה, האט ער געזאגט בדרך מליצה 'אויב איז נאך דא א איד אין דעם היינטיגן ביטערן גלות וואס וועט אויפשטיין אינדערפרי און ער וועט לערנען א פרק משניות אדער א בלאט גמרא אדער ער וועט אויסזאגן תהלים, דאס אליין איז גענוג אז דער אייבערשטער זאל ארויסנעמען אידישע קינדער פון גלות.

מיט דעם האט ער געטייטשט א מסורה אויפן פסוק אין שיר השירים "על משכבי בלילות, ואמונתך בלילות, העומדים בבית ה' בלילות, מפחד בלילות", על משכבי בלילות, אפילו ווען אידישע קינדער ליגן אין גרויסע צרות אינעם ביטערן גלות וואס ווערט אנגערופן לילה, און אידישע קינדער זענען זייער צוקלאפט מפחד בלילות, פונדעסטוועגן דאך ואמונתך בלילות, האלטן זיי אן מיט די אמונה אינעם הייליגן באשעפער, און זיי גלייבן אינעם אייבערשטן, והא ראי' העומדים בבית ה' בלילות, עס זענען דא מענטשן וואס שטייען אויף ביינאכט, זיי זאגן תהלים, אדער לערנען גמרא און משניות, און דאס איז די סיבה פארוואס אידישע קינדער זאלן אויסגעלייזט ווערן בקרוב בימינו.

*

עס איז אמאל געווען א מנהג אז פרייטאג צונאכטס א היבשע צייט פארן זמן פלעגן זיך די ערליכע בעלי בתים צוזאמען קומען אין בית המדרש, און ווער עס האט געהאט א קליין קינד, האט הויך פארגעזאגט שיר השירים פאר זיין טאטן.

איינמאל איז דער יוד הקדוש זי"ע געווען אין די שטאט וואלשיצוב, און ער האט געהערט ווי א

זהובים, ובשבת יש חסרון כ׳ ברכות, והתיקון היא להשלימם בפירות. וזה רמז **האלף לך שלמה**, כלומר אלף זהובים לך שלמה מלך שהשלום שלו (שבועות ל"ה) לתת לאיש המברך ק׳ ברכות בכל יום, וכי תימא שבת חסרים כ׳ שהם מאתים לז"א **ומאתים לנוטרים את פריו** דממלאו בפירי, ע"כ דברי הראשונים.

ואפשר לדקדק תיבת לנוטרים את פריו במ"ש הרב **מהר"ם גאלאנטי** הזקן בתשובה (סי׳ ל"ח) דמי שיש לו פירות הרבה וברכותיהן שוות ורוצה להרבות בברכות בשבת, שיכול להביאם זה אחר זה ויוכל לברך על כל אחד, זה שאמר **ומאתים לנוטרים את פריו** כפשוטו, שאינם מביאים כל הפירות ביחד דמנטר להו כדי לברך על כל אחד. ועוד יש עצה המובא במפ׳ שיכוון בעת ברכת ההפטורה לצאת חובת מאה ברכות, וז"ש **היושבת בגנים**, היינו אלו שיושבים בבית המדרש, **חברים מקשיבים לקולך** לענות אמן בעת ברכת ההפטורה, ואומר למברך **השמיעני** לענות אמן, בעת שמברך כל א׳ וגדול העונה אמן עכ"ל דפח"ח.

## אמירת חצי הלל

**יעדן טאג פסח זאגט מען הלל, די ערשטע טעג יום טוב זאגט מען גאנץ הלל, און חול המועד און די צווייטע טעג יו"ט זאגט מען נאר האלב הלל, משא"כ סוכות זאגט מען אלע ניין טאג גאנץ הלל, פארוואס?**

**א) עס ווערט געברענגט א שיינער טעם אין די פוסקים וויבאלד די צווייטע טעג יו"ט איז דאך אויפן נס פון קריעת ים סוף ווען די מצריים זענען דערטרונקען געווארן, און דער מדרש זאגט דאך אז בשעת קריעת ים סוף האט דער אייבערשטער געזאגט "מעשי ידי טובעין בים ואתם אומרים שירה" דעריבער האט מען מתקן געווען אז די צווייטע טעג יו"ט זאל מען נאר זאגן האלב הלל. קען מען דאך שוין נישט מאכן אז חול המועד זאל מען זאגן גאנץ הלל, נאכמער ווי יו"ט, דעריבער זאגט מען חול המועד אויך נאר האלב הלל.**

**ב) רש"י אין מס׳ ערכין** (דף י׳ ע"ב) **זאגט א טעם, וויבאלד סוכות ווערט גערעכענט יעדער טאג ווי אן עקסטערן יו"ט, ווייל מען ברענגט דאך יעדן טאג א צווייטע צאל קרבנות, וועגן דעם זאגט מען יעדן טאג גאנץ הלל, משא"כ פסח ווען מ׳ברענגט דעם זעלבן קרבן יעדן טאג, איז נאר די ערשטע טעג דער עיקר יו"ט, און די איבריגע טעג זאגט מען נאר האלב הלל.**

**ג) דער מטה משה ענטפערט א הערליכן תירוץ, דער חילוק צווישן פסח און סוכות איז, אז סוכות איז יעדן טאג דא א מצוה צו עסן אין די סוכה, און יעדן טאג מאכט מען טאקע א ברכה "לישב בסוכה", דעריבער איז יעדן טאג א יו"ט זאגט מען גאנץ הלל, משא"כ פסח**

**קינד זאגט שיר השירים פאר זיין טאטן, האט זיך דער יוד הקדוש אויסגעדרייט צו אים, און ער האט אים אויסגעהערט עטליכע מינוט, און דאן האט ער געזאגט "נו, נו, דער קליינער זאגט שיר השירים אזוי ווי שלמה המלך" און ער האט אים געגעבן א קוש אויפן שטערן.**

**דער קינד איז שפעטער געווארן באקאנט אלס דער הייליגער תפארת שלמה, און ער האט שפעטער געזאגט "איך האב געשפירט דעם קוש וואס איך האב באקומען פונעם יהודי הק׳ ביז ווען איך האב בר מצוה געהאט, און איך האב געלייגט תפילין אויף דעם זעלבן פלאץ, דאן האב איך געוואוסט אז זיין קוש האט געהאט א כח ווי הנחת תפילין".**

## קודש קדשים

**חז"ל האבן מתקן געווען אז שבת חול המועד זאל מען זאגן "שיר השירים"** (ווען עס איז נישטא קיין שבת חול המועד זאגט מען דאס שביעי של פסח) **וואס דאס איז איינע פון די צען שירות וואס ווערן אויסגערעכנט אין מדרש וואס איז געזאגט געווארן דורך מענטשן וואס ווערן דערמאנט אין תנ"ך** (ת׳ורה נ׳ביאים כ׳תובים).

1. די ערשטע שירה האט געזאגט אדם הראשון נאכדעם וואס השי"ת האט אים מוחל געווען די עבירה וואס ער האט געגעסן פונעם עץ הדעת, די שירה איז דער קאפיטל (תהלים צ"ב) מזמור שיר ליום השבת.

2. די צווייטע שירה האבן געזאגט אידישע קינדער ביים ים סוף, פון ויושע ביז כי אני ה׳ רופאיך (פרשת בשלח) לויבענדיג השי"ת פאר די נסים ביים ים סוף.

3. די דריטע שירה האבן אידישע קינדער געזאגט ביים באר, פון אז ישיר ישראל ביז סוף פרשה (פרשת חוקת) פאר די נסים וואס השי"ת האט מיט זיי געטוהן ביים נחל ארנון.

4. די פערטע שירה איז שירת האזינו וואס משה רבינו האט געזאגט פאר כלל ישראל מוסר רייד אז מען זאל היטן די תורה.

5. די פיפטע שירה האט יהושע בן נון געזאגט ווען עס איז געשעהן די גרויסע נס אז די זון מיט די לבנה האבן זיך אפגעשטעלט אויף 36 שעה, (יהושע י׳) פון אז ידבר יהושע ביז כי ה׳ נלחם בישראל.

6. די זעקסטע שירה האבן געזאגט דבורה און ברק בן אבינועם ווען השי"ת האט איבערגעגעבן סיסרא אין זייערע הענט, (שופטים ה') פון ותשר דבורה ביז סוף פרשה.

7. די זיבעטע שירה האט געזאגט חנה די מוטער פון שמואל הנביא ווען זי האט אים געבוירן (שמואל א' ב') פון ותתפלל חנה ביז וירם קרן משיחו.

8. די אכטע שירה האט געזאגט דוד המלך אויף די נסים וואס השי"ת האט מיט אים געטוהן, (שמואל ב' כ"ב) פון וידבר דוד ביז לדוד ולזרעו עד עולם.

**9. די ניינטע שירה וואס איז "קודש קדשים", שיר השירים אשר לשלמה פון אנהייב ביזן סוף, וואס דאס האט געזאגט שלמה המלך.**

10. די צענטע שירה איז דאס וואס אידישע קינדער וועלן זאגן ווען מען וועט זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו.

## סימנא מילתא היא:

**אין שו"ע (או"ח סי' תכ"ח ס"ג) ווערט אנגעגעבן א סימן לויט וועלכן מען קען אויסרעכענען אין וועלכן טאג יו"ט וועלן אויספאלן לויט די אותיות פון את ב"ש:**

**א"ת: א' דפסח געפאלט די זעלבע טאג ווי תשעה באב.** (וסימנך על מצות ומרורים יאכלוהו)

**ב"ש: ב' דפסח געפאלט די זעלבע טאג ווי שבועות.**

**ג"ר: ג' דפסח געפאלט די זעלבע טאג ווי ראש השנה.**

**ד"ק: ד' דפסח געפאלט די זעלבע טאג ווי קריאת תורה (שמח"ת).**

**ה"צ: ה' דפסח געפאלט די זעלבע טאג ווי צום כיפור.**

**ו"פ: ו' דפסח געפאלט די זעלבע טאג ווי פורים.**

**פל"ג: פורים געפאלט די זעלבע טאג ווי ל"ג בעומר.**

**איז די מצוה פון אכילת מצה נאר דעם ערשטן טאג, און גאנץ יו"ט מוז מען נישט עסן קיין מצה, און מען מאכט טאקע נישט קיין באזונדערע ברכה דערויף, וועגן דעם זאגט מען נישט גאנץ הלל.**

# סדר קריאת התורה

**די סימנים פון ליינען דעם גאנצן יו"ט פסח איז וויפ פאלגענד:**

משך, תורא, קדש, בכספא, פסל, במדברא, שלח, בוכרא.

**דעם ערשטן טאג פסח:** ליינט מען "משך" דאס מיינט די פרשה פון "משכו" וקחו לכם וגו'

**דעם צווייטן טאג פסח:** ליינט מען "תורא" דאס מיינט די פרשה פון "שור" או כשב או עז כי יולד וגו'

**דעם ערשטער טאג חול המועד פסח:** ליינט מען "קדש" דאס מיינט די פרשה פון "קדש" לי כל בכור וגו'

**דעם צווייטער טאג חול המועד פסח:** ליינט מען "בכספא" דאס מיינט די פרשה פון אם "כסף" תלוה את עמי וגו'

**דעם דריטער טאג חול המועד פסח:** ליינט מען "פסל" דאס מיינט די פרשה פון "פסל" לך שני לוחות אבנים וגו'

**דעם פערטער טאג חול המועד פסח:** ליינט מען "במדברא" דאס מיינט די פרשה פון וידבר "במדבר" סיני וגו'

**שביעי של פסח:** ליינט מען "שלח" דאס מיינט די פרשה פון ויהי "בשלח" פרעה את העם וגו'

**אחרון של פסח:** ליינט מען "בוכרא" דאס מיינט די פרשה פון "כל הבכור" וגו'

**אויב דער ערשטער טאג פסח געפאלט דאנערשטאג דאן איז דער סדר:**

משך, תורא, פסל, קדש, בכספא, במדברא, שלח, בוכרא.

דער **פרישה** ברענגט בשם הר"ן דעם טעם פארוואס מען ליינט אויף דעם סדר, ווייל דעם צווייטן טאג דארף מען אלעמאל ליינען די פרשה פון "שור או כשב או עז כי יולד" ווייל אין די פרשה ליינט מען די פרשה פון ספירת העומר וואס מען הייבט אן צו ציילן בו ביום. און שביעי של פסח מוז מען דאך ליינען די פרשה פון קריאת ים סוף, און די איבריגע טעג ליינט מען לויטן סדר ווי די פרשיות זענען אין די תורה.

# שביעי של פסח

**בקשו מלאכי השרת לומר שירה:** די גמ׳ דערציילט אז בשעת קריעת ים סוף האבן די מלאכים געוואלט זאגן שירה, און דער אייבערשטער האט זיי געזאגט "ווען מיינע מענטשן וואס איך האב באשאפן האבן זיך דערטרונקען אין ים זאגט עטס שירה?". לכאורה דארף מען פארשטיין, די מצריים זענען דאך דערטרונקען געווארן באשמורת הבקר, נאנט צום טאג, און די מלאכים האבן געוואלט זאגן שירה ביינאכט, איז דאך דאס געווען פאר די מצרים זענען דערטרונקען געווארן, פארוואס שטייט א לשון וואס איז משמע אז זיי האבן הערשט געוואלט זאגן שירה נאכן דערטרונקען זיך? בכלל דארף מען פארשטיין, מיר ווייסן דאך "באבוד רשעים רנה" פארוואס האט דער אייבערשטער דא נישט געלאזט זיך פרייען ווען די מצרים זענען אומגעקומען.

ענטפערט **הרה"ק רבי ר׳ שמעלקא מניקעלסבורג זי"ע** (אזוי אויך שטייט אין ספר חנוכת התורה פון רבי'ן ר׳ העשיל מקראקא זי"ע) אז די גמרא זאגט אז ביי די מלחמה מיט סנחריב איז זיין מיליטער געשטארבן דורכדעם וואס זיי האבן געהערט דעם קול שירה פון די מלאכים. אויך זאגן חז"ל אז די מצריים זענען דערטרונקען געווארן אין ים סוף, מדה כנגד מידה וואס זיי האבן אריינגעווארפן אידישע קינדער אין ים סוף.

מיט דעם שטימט שוין די גמ׳, **בקשו מלאכי השרת לומר שירה** די מלאכים האבן געוואלט אז די מצריים זאלן שטארבן דורך דעם קול שירה אזוי ווי דער מיליטער פון סנחריב. אויף דעם האט דער אייבערשטער געזאגט **מעשי ידי טבעו בים**, די מצרים האבן דאך דערטרונקען די אידישע קינדערלעך אין וואסער, ממילא מוזן זיי דאך באקומען אן עונש מידה כנגד מידה, און זיי דארפן דערטרונקען ווערן דורכן וואסער און נישט דורך שירה.

*

**במדרש: כשנקרע הים שאלו מלאכי השרת רבונו של עולם מפני מה אתה נקרא שדי:**

עס קען זיין מיט די מחלוקת וואס די גמרא (יומא נ"ד ע"ב) ברענגט אז רבי אליעזר לערנט "עולם מאמצעיתו נברא", אז די וועלט האט מען אנגעהויבן צו באשאפן פון ארץ ישראל וואס עס איז אינמיטן פון די וועלט, און נאכדעם האט זיך עס אויס גשפרייט אויף די פיר זייטן, און רבי יהושע לערנט "עולם מן הצדדין נברא", אז עס האט זיך אנגעהויבן פון די זייטן און ביים סוף איז עס אנגעקומען ביז ארץ ישראל וואס עס איז אינמיטן.

די נפקא מינה וועט זיין, לויט רבי אליעזר וועט אויסקומען אז "מוקדם עדיף" אז די זאך וואס איז פריער איז בעסער, ווייל אר"י וואס איז די בעסטע פון אלע לענדער איז באשאפן געווארן די ערשטע, אבער לויט רבי יהושע וועט אויסקומען "מאוחר עדיף", וואס עס איז שפעטער איז בעסער, ווייל אר"י איז דאך שפעטער באשאפן געווארן.

מען קען ברענגען א ראיה צו רבי אליעזר אז עולם מאמצעיתו נברא, ווייל די גמרא (חגיגה י"ב) ברענגט אז דער אייבערשטער ווערט אנגערופן "שדי" שאמר לעולמו די, ווייל ער האט געזאגט פאר די וועלט אז עס איז שוין גענוג, און עס זאל זיך מער נישט צושפרייטן, קומט אויס לויט דעם אז מאמצעיתו נברא, ווייל אויב מן הצדדין נברא איז דאך נישט שייך צו זאגן פאר די וועלט "די", ווייל עס קען זיך סייווי נישט מער אויסשפרייטן, ווייל ווען עס קומט אן אינמיטן פון די וועלט קען עס שוין ווייטער נישט גיין, אלא מאי מוז על כרחך זיין אז מאמצעיתו נברא.

דער מדרש ברענגט אז די ים סוף האט זיך נישט געוואלט שפאלטן, ווייל ער האט

## מעשה רב

**ובני ישראל הלכו ביבשה בתוך הים**

**דער הייליגער רבי ר׳ שמעלקא ניקעלסבורגער זי"ע פלעגט זיך קיינמאל נישט ארייינלייגן אין א בעט, ער פלעגט נאר דרימלען אויפן בענקל, איינמאל ווען דער הייליגער רבי ר׳ אלימלך זי"ע איז געווען ביי רבי ר׳ שמעלקא, האט ער אים צוגעגרייט דאס בעט, און ער האט דורך פארשידענע וועגן געפועל'ט ביי אים אז ער זאל זיך אראפלייגן.**

**יענע נאכט האט זיך דער רבי ר׳ שמעלקא געהעריג אויסגערוהט אזוי אז דעם קומענדיגן טאג ווען ער האט געזאגט די שירה האט ער זיך אונטערגעהויבן די קליידער, ווייל עס האט זיך אים געדוכט אז ער גייט אריבער דעם ים סוף. (פארט האט ער זיך אבער ווייטער אויך נישט געלייגט אין בעט)**

**האט דער רבי ר׳ הערשעלע ליסקער זי"ע געטייטשט דעם פסוק "ובני ישראל הלכו ביבשה בתוך הים" אידישע קינדער זענען געווען אין אזא מדריגה, אז אפילו ווען זיי זענען געגאנגען אין די טרוקעניש, זיי זענען בכלל נישט געווען ביים ים סוף האט זיך זיי געדוכט אז זיי גייען אריבער דעם ים סוף.**

❀

**יראה ווי א מלאך!**

**דער הייליגער רבי ר׳ זושא זללה"ה האט איינמאל געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל האבן יראת שמים אזוי ווי א מלאך, און מען האט אים נאכגעגעבן זיין בקשה.**

**ווען ער האט זיך געשטעלט דאווענען די שמונה עשרה און ער האט געזאגט "ברוך" איז ער אראפגעפאלן אויף דער ערד אין חלשות פאר פחד און יראה פונעם**

גע'טענה'ט "אני קשיש ממך" ווייל ער איז באשאפן געווארן אין דעם דריטן טאג, און דער מענטש אין דעם זעקס'טן טאג, אבער דער ים האט זיך יא געשפאלטן, ווייל מאוחר עדיף, זענען די אידן חשוב'ער פון די ים, און לויט דעם מוז זיין אז מן הצדדין נברא, און ארץ ישראל וואס איז באשאפן געווארן די לעצטע איז די חשוב'סטע.

לויט דעם פארשטייט מען זייער גוט די מדרש ווייל אז די מלאכים האבן געזען אז די ים האט זיך געשפאלטן, איז דאך א ראיה אז מאוחר עדיף, און מען מוז על כרחך לערנען אז עולם מאמצעיתו נברא, וועגן דעם האבן זיי געפרעגט מפני מה אתה נקרא שדי, עס איז דאך נישט די טעם שאמר לעולמו די, ווייל ווען עס קומט אן אינמיטן קען ער נישט גיין ווייטער (נפש יהונתן)

*

**אחרון של פסח:** אפשר לבאר הטעם למה נקרא יום זה בשם אחרון של פסח, ומדוע לא נקרא שמיני של פסח כמו שאנו קורין ליום טוב האחרון של סוכות שמיני עצרת וטעמא בעי.

ונראה לומר טעם לשבח בהקדם מה שאמרתי למה נקרא החג הזה בכל התורה כולה בשם חג המצות, ובדברי חז"ל נקרא בשם חג הפסח הלא דבר הוא.

ואמרתי להסביר הענין דהנה מצה רומז על הגאולה, דהנה אנו אומרים בסדר ההגדה מצה זו שאנו אוכלים על שום מה על שום שלא הספיק בצקם של אבותינו להחמיץ עד שנגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקב"ה וגאלם וכו' א"כ המצה מורה שבחו של הקב"ה שגאל את ישראל ממצרים. מה שא"כ שם פסח מורה בזמן שישראל הם בין האומות וניתן רשות למשחית רק הקב"ה ברוב חמלתו על ישראל עם קרובו אינו מניח את המשחית לבוא אל בתי בני ישראל ופוסח על בתיהם, נמצא דשם פסח בחינתו הוא רק בזמן שישראל הם בגולה משא"כ כשתהי' הגאולה שלימה ולא יצטרכו עוד לבחינה זו של פסח אז יהי' שם החג רק חג המצות, ע"כ א"ש דהתוה"ק מיידי בזמן שישראל הם בשלימות ברום המעלה כמו שיהי' לעתיד ואז לא יהי' נקרא רק חג המצות, משא"כ חכז"ל היו רובם בזמן הגלות והחורבן ורצו להמשיך בחינת פסח שלא יהי' משחית בבתי ישראל ע"כ קראוהו בשם חג הפסח.

ובזה יש טעם נכון למה קורין יום זה אחרון של פסח, דאנו רוצין שזה יהי' פסח האחרון הנקרא בשם זה, אבל לשנה הבא לא יקרא עוד בשם חג הפסח כי אם בשם חג המצות כי יהי' הגאולה השלימה ולא יהי' עוד צורך בקריאת שם פסח. (דברי יואל)

## מילי דשמעתתא

במס' קידושין פרק ראשון

**ויהי בשלח פרעה את העם ולא נחם א' דרך ארץ פלשתים וגו' ויסב א' את העם דרך המדבר ים סוף.**

דער **עצי חיים** זי"ע פרעגט לכאורה אויב האט דער אייבערשטער געוואלט אז זיי זאלן נישט צוריק גיין קיין מצרים, האט ער דאך געקענט אריינגעבן אין זייער הארץ א רצון נישט צוריק צו גיין, פארוואס האט ער זיי געדארפט אוועקפירן א שווערן וועג?

נאך דארף מען פארשטיין פארוואס פרעה האט געמיינט **נבוכים הם בארץ** ער האט

אויבערשטן, האט ער דאן געזעהן אז עס איז אוממעגליך פאר א מענטש צו האבן יראה ווי א מלאך, ווייל ס'איז נישט מעגליך אזוי צו דאווענען און דינען דעם אייבערשטן.

האט מיט דעם געטייטשט הרה"ק ר' שמעון יעראסלאווער זי"ע: נורא תהילות, באטש דער אייבערשטער איז נורא, תהילות, דאך איז דאס אויף אזא מדריגה אז מיר זאלן נאך קענען דאווענען און איים לויבן..

### ניסי קריעת ים סוף

**מיר ווילן דא איבערגעבן א טייל פון די נסים וואס זענען געשעהן צו אידישע קינדער בשעת ווען זיי זענען אריבערגעגאנגען דעם ים סוף**

א. ווען די אידישע קינדער זענען אנגעקומען צום ים סוף, און זיי זענען אריינגעגאנגען אינעווייניג, איז דער וואסער אנגעקומען ביז צו די נאז, דאן האט דער אייבערשטער געהייסן אז דער ים זאל זיך שפאלטן. ווי אזוי האט זיך דער ים געשפאלטן? א גאנצע נאכט האט געבלאזן א שטארקע ווינט ביז ווען דער ים האט זיך אויסגעטריקענט, ד.ה. די וואסער איז פארגליווערט געווארן אויף איין שטיק, און דאן האט זיך דאס געשפאלטן ווי א שטיק האלץ, כדי די גוים זאלן נישט זאגן אז די וואסער איז פארפרוירן געווארן בדרך הטבע ווי עס מאכט זיך אסאך מאל ווינטער.

ב. יעדער שבט איז אריין פון א באזונדערע אריינגאנג, ווי עס שטייט "לגוזר ים סוף לגזרים", אז דער ים איז געווען צוטיילט אויף 12 טיילן, און מען איז ארויסגעקומען דורך די זעלבע זייט אזוי ווי א האלבע רונג, ווי אויך האט זיך דער וואסער געשפאלטן צוביסלעך, יעדע טריט וואס די אידן זענען געגאנגען איז דער וואסער ווייטער געשפאלטן געווארן, כדי די אידן זאלן זיך ציגעוואוינען צו האבן בטחון אינעם אייבערשטן יעדע איינציגע רגע.

ג. די וואסער צווישן וועלכן די אידן זענען געגאנגען איז געווען ווי טייערע קריסטאל, און דימאנט שטיינער, ווי אויך איז געווען פענסטערלעך אינעם וואסער אז איין שבט זאל

קענען רעדן מיט צווייטן שבט, דער עמוד האש איז אויך מיטגעגאנגען אין וואסער, און עס האט געווארפן אלע קאלירן און געשאפן א בילד ווי אלע ערליי ליכט שיינען אויף זיי, די וואסער פון אויבן איז פארגליווערט געווארן ווי א דאך, און דער עמוד הענן איז געווען העכער דעם דאך.

ד. ביי ביידע זייטן פון ווי די אידן זענען געגאנגען איז ארויסגעוואקסןביימער מיט זיסע פירות, און די מאמעס האבן געגעבן זיסע פירות צו עסן פאר די קינדער. אויב איינער איז געווען דארשטיג האט ער אריינגעשטעקט די האנט אין די וואסער און עס האט אנגעהויבן צו רינען פרישע קוואל וואסער, און ווען ער האט געענדיגט טרינקען האט דאס וואסער אויפגעהערט צו רינען. ווי אויך איז געווען זייער איינגענעמע און געשמאקע ריחות, אנדערש ווי געווענליך אין ים ווי עס איז דא א שווערער גערוך.

ה. דאס ארט איז נישט געווארן זומפיג נאר שיין אויסגעפלאסטערט פון מארמאר און טייערע שטיינער, אויך די בהמות פון די אידן וואס זענען אריבער דעם ים סוף האבן געהאט צו עסן גראז און זייערע ספעציעלע געוויקסן ביי די זייטן פון ים.

ו. די עלטערע און שוואכערע אידן האבן באקומען פרישע כוחות אריבערצוגיין דעם ים.

ז. דער מלאך גבריאל איז דארט געשטאנען און ער האט אויסגערופן פאר די וואסער פון די רעכטע זייט 'גיט אכט אויף די אידן ווייל זיי גייען מקבל זיין די תורה פון די רעכטע האנט פון הקב"ה', און פאר די לינקע זייט האט ער אויסגערופן 'גיט אכט אויף די אידן וואס לייגן תפילין אויף די לינקע האנט, פאר די וואסער פון פארנט און פון אונטן האט ער אויסגערופן 'גיט אכט אויף די אידן וואס גייען מיט די פיר ציצית וואס הענגען זיי אראפ פון פארנט און פון אונטן'.

דאך שוין געזעהן אז דער אייבערשטער פירט אידישע קינדער, און ער האט אים שוין געוויזן זיין גרויסע האנט, פארוואס זאלן זיי איצט בלאנדזשען?

זאגט דער **עצ"ח** דעם תירוץ אזוי: ווייל עס איז באקאנט דער הסבר פונעם **אוחה"ק** וואס ערקלערט ווי אזוי עס קען זיין אז די מרגלים וואס זענען אלע געווען צדיקים, זאלן פלוצלונג אזוי נתהפך ווערן אז זיי זאלן גרייט זיין צו רעדן לשה"ר אויף אר"י.

נאר דאס ענין איז אז וויבאלד די מרגלים זענען געווען שליחים פון די אידן, און זיי האבן געמיינט מיט א נישט גוטע כוונה, דעריבער איז אריין אין די מרגלים א תכונה רעה פון די משלחים און דאס האט זיי געפירט אויפן נישט גוטן וועג. ווייל דאס איז דער כח פון א משלח סיי צום גוטן סיי צום שלעכטן אז זיין כח גייט אריין אינעם שליח און דאס פירט אים.

מיט דעם איז ער מסביר דאס וואס מיר האבן געלערנט אין די גמרא (קידושין דף כ"ג ע"ב) אז עס מוז זיין אז כהנים זענען **שלוחא דרחמנא**, און עס קען נישט זיין אז זיי זענען **שלוחא דידן**, ווייל **מי איכא מידי דאנן לא מצי עבדינן ואינהו מצי עביד** איז דען דא עפעס וואס זיי קענען טון מער וואס מיר קענען נישט טון. לכאורה דארף מען פארשטיין דעם הסבר פארוואס טאקע זאל א שליח נישט קענען טון מער ווי דער משלח קען טון.

אבער מיט דעם הסבר פארשטייט זיך זייער גוט פארוואס א שליח קען נישט טון מער ווי א משלח, וויבאלד דער שליח באקומט א תכונה פונעם משלח, איז דאס ממש דער זעלבער כח וואס דער משלח האט, דאס פירט אויס דער שליח, און מער ווי דעם משלח אליין קען ער נישט טון.

דאס איז דא געווען **ויהי בשלח פרעה את העם**, איז דאך פרעה געווען דער משלח, און אידישע קינדער האבן געהאט זיין תכונה, וועגן דעם האט ער געמיינט אז **נבוכים הם בארץ**, און זיי וועלן נישט גיין דינען דעם אייבערשטן, וועגן דעם האט דער אייבערשטער זיי געפירט דורך א צווייטע וועג כדי זיי זאלן נישט זיין זיינע שליחים.

## אופן אמירת השירה הזאת

אין די **גמרא** אין מסכת סוטה (דף ל' ע"ב) ווערט געברענגט א מחלוקה פון תנאים ווי אזוי משה רבינו מיט די אידישע קינדער האבן געזאגט שירה ביים ים סוף.

**רבי עקיבא:** משה האט פארגעזאגט די ווערטער אשירה לה', און די אידן האבן נאכגעזאגט אשירה לה', משה האט ווייטער געזאגט כי גאה גאה, און די אידן האבן געענטפערט נאכאמאל אשירה לה', משה האט ווייטער געזאגט סוס ורכבו רמה בים, און די אידן האבן געענטפערט אשירה לה', און אזוי ווייטער ביי יעדע ענין וואס משה האט געזאגט האבן די אידן געענטפערט אשירה לה'.

**ר' אליעזר בנו של רבי יוסי הגלילי:** די אידן האבן נאכגעזאגט אלעס וואס משה האט געזאגט, משה האט געזאגט אשירה לה' און די אידן האבן געזאגט אשירה לה', משה האט געזאגט כי גאה גאה, און די אידן האבן געענטפערט כי גאה גאה, משה האט געזאגט סוס ורוכבו רמה בים און די אידן האבן געענטפערט סוס ורוכבו רמה בים.

**רבי נחמי':** די אידן האבן אלעס געזאגט אינאיינעם מיט משה רבינו, און זיי האבן אלעס צוגעטראפן מיט רוח הקודש די זעלבע ווערטער.

**ר' נחמי'** לפי שיטת התוספות: משה האט געזאגט אז ישיר משה, און די אידן האבן געזאגט אשירה לה', משה האט געזאגט עזי וזמרת י־ה און די אידן האבן געזאגט זה קלי ואנוהו, משה האט געזאגט ה' איש מלחמה, און די אידן האבן געזאגט ה' שמו, עכ"ל התוספות.

**מדרש רבה** (שמו"ר כ"ג): משה האט אליין געזונגען די גאנצע שירה, און נאכדעם האבן עס די אידן איבערגעזונגען.

# עניני שירת הים

דער **טור** ברענגט בשם ספר **אורחות חיים** אז מען פירט זיך מסיים צו זיין די פסוקי דזמרה מיטן זאגן דעם "שירת הים", ווייל אין די שירה איז דא אכצן מאל דעם אייבערשטנס נאמען, וואס יעדע שם האט 4 אותיות, וואס קומט אויס אינאיינעם ע"ב, קעגן די ע"ב שמות פון השי"ת. (די ע"ב שמות זענען מרומז אין די וואכעדיגע סדרה אין די פסוקים פון ויסע מלאך האלקים, ויבא בין מחנה מצרים, ויט משה את ידו, אזוי ווי רש"י ברענגט אין מס' סוכה (דף מ"ה ע"א) ) עס איז א מדובר אין די פוסקים ווי אזוי מען רעכענט די ח"י שמות צי מען רעכענט דעם פסוק 'והיה ה' למלך' אדער דעם פסוק 'כי להי המלוכה'.

דער **בית יוסף** שרייבט אז מ'זאל נישט זאגן 2 מאל דעם פסוק ה' ימלוך, ווייל דאן איז דא מער ווי ח"י שמות.

פארוואס פירן מיר זיך אז מ'זאגט צוויי מאל דעם פסוק? ברענגט דער **ב"י** בשם **אבודרהם** אז דער סדר אז צו דאפלען די לעצטע פסוק ווען מען ענדיגט א סדר, ווען מ'ענדיגט פסוקי דזמרה דאפעלט מען "כל הנשמה", און ווען מען ענדיגט די שירה טאפעלט מען 'ה' ימלוך'.

אויך ברענגט דער **אבודרהם** אז די לעצטע פסוק 'ה' ימלוך' זאל מען זאגן שנים מקרא ואחד תרגום.

דער **דברי יחזקאל** פרעגט אויפן לשון התרגום "ה' מלכותיה קאים לעלם ולעלמי' עלמיא", וואס 'קאים' איז טייטש אז ער שטייט יעצט, וואס דאס איז לכאורה נישט דער ריכטיגער אפטייטשט פון "ימלוך" וואס טייטשט אז ער וועט קעניגן אינעם עתיד? זאגט דער **דברי יחזקאל** אז אלעס וואס עס שטייט אין די תורה איז באתגליא, עס איז אפן, און דער תרגום איז מער באתכסיא, ווען מען רעדט באתגליא, זעהט נאכנישט יעדער היינט אז השי"ת איז למלך על כל הארץ, וואס דאס וועט זיין ווען משיח וועט קומען, אבער באתכסיא איז שוין יעצט די מלוכה פון השי"ת אויך איבער די גאנצע וועלט.

ביז וואו גייט די "שירה"?

פונעם **אבודרהם** אזוי אויך פונעם **רמב"ן** איז משמע אז די "שירה" ענדיגט זיך ביי "לעולם ועד", און "כי בא סוס פרעה" געהערט שוין נישט צו די שירה.

אבער דער **רמב"ם** פסק'עט אז "כי בא סוס פרעה" באלאנגט יא צו די שירה, און מיר נעמען אן דעם פסק, און אין די ספר תורה שטייט דער פסוק אויך געשריבן אין די ספר תורה אזוי ווי די פסוקים פון די שירה. דער **מחצית השקל** פרעגט טאקע דערויף, אויב מיר נעמען אן ווי דעם רמב"ם, איז דאך "לעולם ועד" נישט די ענדע פון די שירה, דאן פארוואס טאפלט מען עס, און מען זאגט עס 2 מאל? **רש"י** ז"ל אין מס' גיטין (דף צ' ע"א) זאגט אויך אז "כי בא סוס" גייט אינאיינעם מיט "ותקח מרים".

דער **בית יוסף** זאגט אז ווען מען זאגט ביי די שירה "מי כמוך באלים ה' מי כמוך נאדר בקודש" זאגט מען די ערשטע מאל "מי כמוך" אן א פינטל אינעם כ און די צווייטע מאל "מי כמוך" מיט א פינטל, כאטש עפ"י דקדוק קומט נישט נאך די אותיות **א' ה' ו' י'** א כּ' דגושה, זאל מען יא אזוי זאגן ווייל אז נישט קען מען זיך ח"ו טועה זיין און מיינען אז ער האט געזאגט "ה' מיכה", און מיכה איז דאך געווען דער ווער האט מיטן שם המפורש געמאכט דעם עגל. אבער ביי נשמת זאגט מען יא "כל עצמותי תאמרנה ה' מי כמוך" אן א דגוש, ווייל נאר ביים ים האב איך חושש געווען אז מען קען זיך טועה זיין.

דער **פרי מגדים** ברענגט אז ווען מען זאגט במים - אדירים, זאל מען מפסיק זיין כדי נישט צוזאמענצוכאפן די צוויי ווערטער, אז עס זאל זיך פארשטיין אז עס טייטשט נישט "שטארקע וואסערן" נאר די "שטארקע מצרים" האט ער אריינגעווארפן אין די וואסערן. דער פרמ"ג האט ראיות אז מים מיט אדירים גייען נישט אינאיינעם סיי פון די 'טראפן' סיי פון די לשונות אין די גמרא. אבער דער **רשב"ם** און אזוי טייטשט אויך דער **תרגום** אז עס מיינט יא שטארקע וואסערן.

דער **ליקוטי מהרי"ח** ברענגט די דיעות און ער זאגט אז עס איז ריכטיג אז מען זאל אינזינען האבןביידע טייטשן בשעת'ן דאווענען.

דער **זוה"ק** ברענגט אז מען דארף זאגן די שירה שטייענדיג מיט כוונה, און מען דארף עס זאגן מיט שמחה און ער זאל זיך פארשטעלן ווי כאילו ער גייט היינט אריבער דעם ים סוף, און דאס ברענגט אז מען זאל אים מוחל זיין אלע עבירות, און ער וועט אויך זוכה זיין דאס צו זאגן לעתיד לבא.